STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01299

AMENSH ALS GOT

N. M. Shaykevitsh

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Gloria & Sherman Miller
in memory of
Dr. Max & Ruth Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַמֶענְש אַלְס גָאט

אֵיינֶע הִיסְטָארִישֶׁע עֶרְצֶעהלוּנְג

פֿאָן

נ. מ. שייקעוויטש (שמ״ר)

ווילנא

שנת תרמ״ח לפ״ק

ИДОЛЪ.
Историческ. разсказъ
Н. М. Шайкевича.
1888.

Дозволено цензурою. — 20 Января 1888 г. Варшава.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собств. домъ № 325/2631.

א

בייא נאכט אין גארטין .

צווישין אלע שיינע שטעט פון דעם לאנד יהודה *) האט זיך דיא שטאט עכו אויסגעצייכנעט מיט איהר פראכט אונ מיט דער פאעטישער פאזיציאן אין וועלכע זיא איז געשטאנען , דיא שטאט אליין וועלכע איז בעשטאנען פון גראסארטיגע געביידען אונ הויכע טיהרמע , ווער געבויט צווישען גרויסע שיינע בערג , פון מזרח זייט זעכציג סטאדיען ווייט האבין איר געשיצט די בעריהמטע בערג פון דעם פראווינץ גליל **) אין דרום זייט הונדערט צוואנציג סטאדיען ווייט פון איר איז געוועזען דער בעקאנטער הייכער בארג כרמל , פון צפון זייט הונדערט סטאדיען ווייט האט זיך עמפפארגעראגט דער הויכער בארג סלם צור , די אלע בערג האבין זיא וויא שטארקע פעסטונגען ארומגערינגעלט , אונ האבן איהר אזעלטענעם רייץ געגעבין , צוויי סטאדיען ווייט פון עכו האט געפלאסען דאס זילבער-קלארע טייכיל וועלכעס האט געהייסין "בעלוס טייך" אונ געבען אים האט זיך ווי אמאכטיגער רייז ערהייבין אפיראמידע וואס האט זיך גערופן "מעמנום מאנומענט" דאס וואר אוואונדערליכער מאנומענט , דען אלע אין דער פריא הען דיא זאננע פלעגט ערשיינען איז פון אים ארויסגעגאנגען אזעלכע שיינע געזאנגע וואס האבין יעדעס הערץ ערקוויקט .

זאמער האט דיא שטאדט אויסגיזעהען וויא אגן עדן , דען די גרינע פעלדער אונ דיא פראכטיגע פרוכטגערטער וואס האבען זיא פון אלע זייטען ארומגערינגעלט האבען דאן אזוי הערליך אויסגיזעהן , זא דאס דאס אויג האט גאר ניט געקאנט זאט ווערין קוקענדיג אויף זייא , אונ דיא היסטאריקער האבין ניט איבערטריבען וואס זיא האבין דיא געגענד גערופען דער אונטערשטער גן עדן .

אונ איינע פון די הייטערע פרישע פריהלינגנעכט פון יאר 3797 לבריאת העולם) האט אפרויענפינור וויא געשוועבט אין דעם גרייסין פרוכטגארטין וועלכער האט זיך געצויגן פון אבינדב בן ניראס הויז ביז דעם בעלוס טייכיל,

לאננזאם

*) דאס יודישע לאנד (ארץ ישראל) האט געהייסין ארץ יהודה .

**) גליל וואר אגובערניע אין דעם לאנד יהודה .

[illegible]

לאנגזאם איז דיא פיגור געגאנגען צווישען דיא געדיכטע בוימען וואס וואַרען בעלייכטעט פון דעם קלארען מאנד, אונ האט זיך אויפמערקזאם צוא גיהערט צוא יעדען גערייש.

ענדליך איז זיא געקומען צוא אשטיק פלאטץ אין גארטין וועלכער וואר ניט בעדעקט מיט בוימען, דא האבין נור געוואקסען פערשיעדענע דופטענדע בלומען ארום אבּרונען וועלכער וואר ארומגערינגעלט מיט קופערנע שטאבּעס, אונ האבען פאר דעם שיין פון דעם מאנד וויא גאלד געפינקעלט, דא איז אויך געשטאנען אגראזבאנק, אונ דיא פרויא האט זיך אויף דער באנק געזעצט אויפהייבענד דיא אויגען צום מאנד וועלכער האט וויא געשוואומען אין דעם בלאען אונענדליכען רוים וויא אקליין שיפעלע אין גראסען אקעאן.

פר דעם שיין פון דעם מאנד קאנען מיר יעצט די פיגור בעטראכטין, דאס וואר אמעדכען פאן אונגעפעהר אכטצעהן יאהר, איינע עכטע אריענטאלישע שאנהייט מיט שווארצע פינקעלנדע אויגען, אונ לאנגע שווארצע האר, איהר געזיכט וואר זא שלאנק, זא צארט וויא פון איינער פרינצעסין, זיטצענדיג אין דער העלער נאכט אויף דעם פלאטץ צווישין דיא אלע קאסטבארקייטען דער נאטור האט זיא ריכטיג אויסגעזעהן וויא אפרידענסענגעל אין גאטס פאראדיס;

ער איז נאך ניטא — האט זיא אונגעדולדיג צוא זיך אליין גירעדט אונ האט זיך אלץ איינגיהערט פיליכט וועט זיא ערהערין דיא בעקאנטע טריט, אבער ביא אהאלבע שטונדע איז זיא דא געזעסין אונ ארום איר וואר שטיל אונ רוהיג, אפילו קיין בלאט האט זיך בעוועגט.

זיא האט שוין געוואלט אויפשטיין מיט פערדרוס אונ אוועקגעהען, אלס זיא האט פלוצים ערהערט אגערייש, זיא איז פרעהליכער געווארין אונ האט דיא אהרען אנגעשטרענגט.

דאס גערויש צווישען דיא בוימען איז געווארין פון מינוט צוא מינוט הערבארער, אונ באלד האט זיא אויך ערהערט גיכע טריט, זיא איז פון איהר ארט אויפגעשפרונגען אונ האט אגעשרייא געטאהן: פטרוניוס!

דאס בין איך מאסאלינע — האט אקרעפטיגע מענערשטימע געענטפערט — אונ פון צווישען דיא צווייגען פון דיא געדיכטע בוימען איז ארויסגעגאנגען אהויכער יונגער מענטש אונגעפעהר פינף אונ צוואנציג יאהר אלט, געקליידעט וויא ארעמישער אפיציר.

מאסאלינע איז אים ענטגעגענגעלאפין אונ ביידע יונגע מענטשין

האבין זיך הערצליך אומגעארמט אונ אלאנגער קוש האט אקלונג געטאן דורך דער נאכטעסשטילע .

פטרוניוס ! ווארום האסט דוא זיך אזוא לאנג געזאמט , איך האב שוין געמיינט אז דוא וועסט ניט קומען אונ האב שוין געקלערט צוריק אהיים צוא געהען — האט זיא געזאגט .

איך וואר זעהער בעשעפטיגט מיינע טהייערע מיסאלינע — האט ער געענטפערט זיא פאר דיא ביידע הענד האלטענד — דוא ווייסט דאך אז איך מוז מארגען פריא אבבייזען , אונ איך האב נאך זעהער פילע זאכין אין ארדונג צוא ברייננען פאר מין אבבייזען .

איז דאס שוין בעשטימט אז דוא פאהרסט מארגען ? — האט זיא טרויעריג געפרעגט .

איך האב דאך דיר נאך געכטערין אבענדס געזאגט אז איך מוז אונבעדיננט פאהרען , איך האב ערהאלטען אנאייגענהענדיגעס שרייבין פון קאיוסן , ער בעט מיך איך זאל וואס צום גיכקטען קומען , אונ אים קאן איך ניט ענטזאגען .

ווער איז דאס דארט דר קאיוס וואס צוליב איהם איז בייא דיר רעכט פון מיר אוועק צו פאהרען ?

ער איז דר קינפטיגר ראמשער קייזער מיינע ליבע , קוים שטארבט דער קייזער טובעריוס וועט קאיוס געוויס אויף זיין פלאטץ דער וועלט־הערשער זיין , נוא וויא פערשטעהסטו קאן איך אזא מענטשין ענטזאגען , איך גלויבע אז ער רופט מיך ארויס אין דאס וועגען זעהר וויכטיגע נייעס .

וואצו קאן ער דיך באדארפין ?

איך ווייס ניט , נאר אז רופט מיך פלוצים נאך דאס מוז עפעס זיין , קאיוס איז מיינער אונגענדפריינד אונ אשולקאמעראד , ער ווייס אז ער קאן זיך אויף מיר פערלאזין מיט אלע זיינע געהיימניסע , אונ איך מוז אים באווייזען אז איך בין ווירקליך זיינער אגוטער פריינד , ניט ערגער פון אגריפוסן , וועלכער איז צו ליב אים אין אסטראג אריין .

וועלכען אגריפוסן מיינסטו ? דאס איז ניט אונזער פרינץ ?

יא ער איז דעם קעניג הורדוסעס אן איינעקעל , ער איז דער זאהן פון דעם אונגליקליכען אריסטובלוס וועלכען הורדוס האט געהייסין הייננען צוא זאמען מיט זיין ברודער אלכסנדר .

אזו ? דאס איז דר אגריפוס ? מיא זאגט אז ער איז זייער אוויכטיגער מענטש .

ער איז איינער פון דיא וויכטיגסטע מענר ניט נור ביי יודען אפילו ביי די ראמער, אונ דארום האט זיך קאיוס מיט אים זייער בעפריינדעט, אונ זיי האבין ביידע וויא ברידר געלעבט, קאיוס ווייס אז אין אנאטהפאל קאן איהם דער פרינץ אגריפוס זייער בעהילפיג זיין.

אונ ער זיצט יעצט אין אסטראג?

יא שוין זייט פינף מאנאהייט אז דער קייזער טיבעריוס האט אים אין געפענגעניס געווארפין.

פארוואס? — האט מ. סאלינא נייאגיעריג געפרעגט.

דערפאר וואס ער איז ניט גיוועזן פארזיכטיג, ער האט איינמאהל געמאכט אבאל אויף וועלכען קאיוס וואר אויך געלאדען, אונ אלס דיא געסטע זיינען רעכט פראהליך גיוועזן האט אגריפוס אויפגעהייבין זיין בעכער אונ האט אגעשרייא געטאן: „איך טרינק אויף דיין געזונד ברודר קאיוס! גאט זאל געבין אז טיבעריוס זאל שוין אריינגעהן אין גן עדן אונ דו זאלסט דער ראמישער קייזער ווערין”, דיא ווערטער האט איינער פון די געסט איבער געטראגין צו דעם קייזער טיבעריוס וועלכער האט באלד געהייסין מיא זאל אגריפוסן אין אפינסטערן קערקער ווערפען.

ארעמער אונגליקליכער פרינץ! — האט מאסאלינא מיטלייד געזאגט.

יא ער איז יעצט אונגליקליך, דערפאר אבער וועט ער שפעטער גליקליך זיין — האט פטרוניוס גיענטפערט — דער קייזער טיבעריוס וועט לאנג ניט לעבין, ער איז שוין שוואך אונ קראנק, אונ קוים שטארבט ער וועט אהנע צווייפל קאיוס קייזער זיין, אונ דאן איז אגריפוס דר גליקליכער מענטש, דען זיין פריינד קאיוס צוליעב וועלכען ער איז אין אסטראג געשליידערט געווארין, וועט אים געוויס פערגעלטען פאר דיא צרות וואס ער האט יעצט.

פאהרסט דוא מארגען געוויס? — האט מאסאלינע נאך אקורצער פויזע געפרעגט.

איך האב דאך דיר שוין צעהן מאהל געזאגט אז איך פאהר.

א וויא שווער מיר איז דיך אבצולאזין פון דאנען, איך בין שוין מיט דיר אזוי גע וואהנט געווארין אז איך וועל דא נאר אהן דיר ניט קענען לעבען. — האט זיא מיט טראהנענדע אויגען געזאגט — פטרוניוס! ליבר פטרוניוס פיליכט איז מעגליך דוא זאלסט ניט פאהרען.

קינד! — האט פטרוניוס ערנסט גיענטפערט — איך פאר דאך

יעצט נור צוליב אונזער ביידעס גליק , איך ערוואַרטע דורך דער ביינע זעהער אגרויסע שטעלע צוא בעקומען , אונ קוים בעקום איך זיא , דאן וועל איך דיין האנד אויך קענען בעקאמען .

דוא גלויבסט אז ווען דוא וועסט אגרויסע שטעלע בעקומען וועלין מיינע עלטערין מסכים זיין איך זאל מיט דיר הייראטהען , ווייסטו דען ניט אז ווען דו זאלסט זאגאר קייזר פון ראם זיי ווערין וועלן אויך ניט ערלויבין איך זאל זיין דיינע ווייל דוא ביזט אראמער , אמענטש פון אנ׳אנדער נאציאן אונ פון אנ׳אנדער רעליגיאן ?

דאס וויים איך אז דיינע עלטערן וועלין דיך פאר קיין פאל מיר אבגעבין , אבער אז איך וועל אגרויסע שטעלע בעקאמען , דאן וועל איך מעהר מיטעל האבין דיך פון זייערע הענד אוים צורייסין מיט גוטען אדער מיט בייזען .

איך האב דאך דיר אבער שוין געזאגט פטרוניום אז דוא זאלסט מיט מיר הייראטען נעגען דעם ווילען פון מיינע עלטערין , וויל איך ניט , וואו זייא וועלין צוא אונזער פערבינדונג זייער הסכמה ניט געבין דאן וועל איך דיינע ניט זיין .

איך פערשטייא דאס גאר ניט — האט פטרוניום מיט פערדרוס געזאגט — אז דוא ביזט ביי אזא מיינונג , וואצו באגעגנסט דוא זיך מיט מיר ? דוא זאגסט דאך אליין אז דיינע עלטערין וועלין זייער הסכמה אונז ניט געבין ווען איך זאל אפילו זיין ראמישער קייזער , היינט וואצו נוטצען אונזערע ליבעספערהעלטניסע ?

איך האב דאך דיר שוין געוויזען אגאנג וויא אזוא מיר קאנען אונזער גליק ערבייכען .

איך זאל אננעמען דאס יודענטהום ? א ניין מיינע טהייערע , דאס קאן איך ניט בייא מיין בעסטען ווילען , דען אלס גליעד פון ראמישער קייזערליכער פאמיליע איז דאס מיר ניט ערלויבט ווען איך וועד אזוד וועט מען מיך געווים צום טייט פעראורטהיילען , אונ איך גלויב ניט אז בייא דיר זאל רעכט זיין איך זאל געטאדעט ווערין צוא ליב איינינע גליקליכע טעג . . .

בעהיטע גאט ! — האט מאסאלינא ערציטערט געזאגט — דיין לעבין איז בייא מיר טהייערער אלס מיינער , וואצו רעדסטו אזעלכע דומהייט .

נוא פערשטייהסט דוא דאך אליין אז עס איז קיין האפנונג דא מיר

זאלען מיך פערבינדען · אונ אונזער גאנצע ליבע איז נור וויא אקינדער-שפיעל ·

וואס זשע איז דיין באטה ?

מיין באטה איז איינפאך דו זאלסט אויך מיט מיר נאך ראם פאהרין ·

וואס ? איך זאל מיט דיר נאך ראם פאהרען ? אנטלייפין פון מיינע גוטע עלטערין ? זייא אריינטרייבען אין גראב ? · א ניין פטרוניוס איך וועל ליבערסט זעלבסט דער אפפער פון אונזער ליבע זיין , איך וועל זעלבסט אין גראב זענקען , אבער מיינע ליבע צארטליכע עלטערין וועל איך דיא קלענסטע שמערצען ניט פערשאפען ·

מאסאלינע ! — האט פטרוניוס ביטער געזאגט — בירעכין זיך נור אז מיר האבין זיך דאס ווארט געגעבין מיר זאלין איינער דעם צווייטען אויף עוויג גיהערין ·

יא , איך האב אבער דאביי דעם פונקט געשטעלט «מיט מיינע עלטערינס הסכמה» ·

דאס הייסט דוא האסט מיר דיין ווארט געגעבין מיינע צו זיין מיט דעם בעדינג אז דוא זאלסט קיין מאהל מיינע זיין ? — האט פטרוניוס לאכענד גיענטפערט ·

פטרוניוס ! ליבער פטרוניוס — האט מאסאלינא געזאגט איהם ערגרייפענד פאר דער האנד — איך בעט דיך קוועל מיך ניט מיט דיינע פארווירפע , דוא ווייסט אליין אז איך ליב דיך פון טיפען הערצען ·

ניין מאסאלינא ! — האט פטרוניוס קאלט גיענטפערט — איך גלויב דיר שוין ניט , קוים וואלסט דו מיך וויקליך פון טיפען הערצען געליבט וואלסטו ניט געקוקט אויף דיינע עלטערין אונ וואלסט מיט מיר נאך ראם געפליינן , אונ אז דוא ווילסט דאס ניט איז אבעווייז אז דוא האסט מיך גאר ניט אנגעהייבין צוליבען ·

דאס רעדסט דו אזו פטרוניוס ? — האט זיא פאסט צארניג געזאגט — דוא וואס דוא ווייסט מיט וואס פאר אונגעדולד איך ערווארטע דיך דא אלע נאכט אום דיך צוא זעהען מיט דיר חאטש איינינע ווארטען צוא ריידין , דוא קאנסט צווייפלען אין מיין ליבע צו דיר ?

נוא פאר וואס זשע ווילסטו מיט מיר ניט פאהרן נאך ראם ?

איך וויל דאצו האבין מיינע עלטערינס ערלויבנים ·

דוא האסט מיך שוין פון געדולד ארויסגעבראכט מאסאלינא — האט פטרוניוס מיט כעס געזאגט — דו מאכסט נור פון מיר חוזיק , נוא אסוף ,

איך שייד מיך יעצט פון דיר אויף אימער אונ עוויג, מיין שטאלץ ערלויבט מיר ניט איך זאל זיין אשפיעלצייג ביא אמעדכען אין די הענד, אויף דעם בין איך ארמישער פעלדהר, אדיע אויף עוויג!

אונ אהנע צוא ווארטען אויף איר אנטווארט איז ער מיט שנעלע שריטע אוועק געגאנגען פאר איהר.

פטרוניום! — האט מאסאלינא פערצווייפעלט אונ ווייענד אים נאכגעשריגען, אבער ער איז שוין פערשוואונדען געווארין צווישען דיא בוימען פונם גארטען.

מיין גאט וויא אונגליקליך איך בין! — האט מאסאלינא יאממערנד אגעשרייא געטאהן זיך ערגרייפענד ביא דעם שיינעם קאפ, אונ איז קראפטלאז געפאלען אויף דער גראז באנק.

ב

דער נייער קייזער.

קאיוס וואר דעם סענאטאר גערמאניקוס אזאהן, אנאהינטער פער־וואנדעטער פון דעם קייזער טיבעריוס, ער וואר נאך דיין איונגער מענטש פון אונגעפעהר אכט אונ צוואנציג יאהר, אונ ער האט באדארפט זיטצען אויף דעם ראמישען קייזערליכען טראהן נאך טיבעריוסן וועלכער האט קיין קינדער געהאט, דאס וואר איבעראל אלעמען בעקאנט, אונ דארום האט ער געהאט זייער פיל גוטע פריינד, וועלכע האבין אים דיא גרעסטע געטריאשאפט געוויזען מיט דער האפונג אז שפעטער אלס ער וועט ווערין קייזר וועט זיי די פריינדשאפט גוטען פראצענט אריינטראגין, קאיוס וואר פון דער יוגענד אן אשטיקיל אידיאט אונ אנ׳עגאאיסט, נאר זיין גרויסע שטעלונג האט אלע זיינע פעהלער פערדעקט. זיינע פריינדע מיט וועלכע ער פלעגט בעשטענדיג הוליען אונ שיכורן האבין איהם מיט זייערע חניפות איבער אלע זיבען הימלען אויפגעהייבין, זייא האבין אים איינגעבילדעט אז נאך אזא חכם אונ אזא עדעלמאן וויא ער איז, איז נאר אויף דער וועלט ניטא.

צווישען זיינע אינטימע גוטע פריינד צוא וועלכע קאיוס וואר צו־געבונדען מיט לייב אונ זעלע האט זיך געציילט דער יודישער פרינץ אגריפוס.

אגריפוס וויא מיר האבן שוין דערמאהנט וואר הורדוסעס אן איינקעל, ער האט געשטאמט פון דיא חשמונאים די בעשטענדיגע יודישע קעניגען אונ כהנים גדולים, דען זיין גראסמוטער דיא שיינע קעניגין מרים החשמונאית, וואר דיא טאכטער פון דעם גרויסין העלד אלכסנדר בן אריסטובלוס, דער קעניג פון יהודה. אגריפוסעס פאטער אריסטובלוס איז געהאנגען געווארין דורך דעם בעפעהל פון זיין אייגענעם פאטער דר קעניג הורדוס.

נאך זיין פאטערס טויט האט אים הורדוס געשיקט נאך רוים ער זאל דא שטודירין, אונ ער זאל דא האבין גילעגענהייט זיך קאמ־פאנירען מיט דיא רוימישע אריסטאקראטישע קינדער, אגריפוס וועלכער וואר זייער טאלאנטפאל אונ קלוג האט זיך באלד געקויפט דיא ליבע פון דיא אדעלסטע קינדער אין רוים, אונ בעזאנדערס האט זיך צו אים צו געבונדין קאיוס.

דער קלוגער אגריפוס האט גיוואוסט אז ער קאן אמאל דורך דעם קאיוסין גליקליך זיין, דארום האט ער זיך בעמיט אז זייער פריינדשאפט זאל ניט צורייסין ווערין אונ ניט אבגעקילט ווערין, ער האט געוויזין קאיוסן דיא גרעסטע פריינדשאפט אונ ערגעבענהייט, איינגע מאל האט ער אים מיט גרויסע סומען געלד געשטיצט אלס דער פערשווענדערישער אידיאט האט זיינע טאשען אויס געליידיגט אונ איז גיוועזן אין אגעלד־פערלעגענהייט, אונ דורך דיא סומען וואס ער האט גיגעבין קאיוסן איז אגריפוס ענדליך אליין זייער אין אקריטישע לאגע געבליבין, זא דאס ער האט אלע טאג מורא גיהאט מיא זאל אים אין געפענגעניס ניט ווארפין פאר זיינע שולדין.

ער איז אבער אין געפענגעניס געשליידערט גיווארין גאר דורך איין אנדער זאך, וויא מיר האבין גיהערט פון פטרוניוסן, דער פאר וואס ער האט גיהאט אלאנגע צונג.

דאס האט קאיוסן געקריינקט ביז צום טויט, דען אן זיין קאמעראד אגריפוס איז ער עפעס גיוועזן וויא אקערפער אן אזעלע, ער האט אלע קרעפטע אן געווענדעט אים פון זיין געפענגעניס בעפרייען, אבער זיין מיהע וואר אומזאנסט, דער קייזער טיבעריוס וואר אזוי אויף דעם יודישין פרינץ צארניג זא דאס ער האט אים אויף זיין גאנץ לעבין פעראורטיילט ער זאל שמאכטען אין געפענגעניס.

אלס קאיוס האט גיזעהען אז מיט גוטין וועט ער דא גאר נישט

 אוים

אוים פירין , האט ער זיך בעשלאסין , ער זאל אגריפוסן מיט געוואלד פון זיין געפענגעניס בעפרייען , דאצו האבין אים אבער גיפעלט זיינע בעסטע גוטע ברידער וואס זיינען פערטיג גיוועזן גייען מיט אים אדער פאר אים אין פייער אונ אין וואסער , אונ דארום האט ער זייא אויף גירופין פון דיא לענדער וואו זייא האבין זיך גיפונען .

צווישין דיא גוטע ברידער איז אויך גיוועזן פטרוניום .

פטרוניום וואר אויך אגליד פון דער קייזערליכער פאמיליע אין רוים , ער האט אויך בעשטענדיג זיך געקאמפאנירט מיט קאיוסן אונ אגריפוסן , דער קייזער טיבעריוס האט אים צייט איין יאר אוועק געשיקט צוא דעם גענעראל גובערנאטאר פון יהודה , פילאטוס , ער זאל אין זיינע מיליטער דינען , פילאטוס האט אים זייער פריינדליך צוגינומען אונ האט אים גימאכט פאר איין אנפירער איבער די פינף הונדערט רוימישע סאלדאטין וואס האבין גילאגערט אין דער שטאט עכו , דא האט דר יונגער פטרוניוס דער זעהען אבינדב בן גיראס טאכטער דיא שיינע מאסאלינא , אונ צווישין דיא יונגע מענטשין האט זיך אפייערגע ליבע ענטוויקעלט וועלכע האט זייא מיט אירע אונ צערברייסליכע פעסעלען צוא זאמען געקעטעט .

אבינדב בן גירא וואר דער אנגעזעהנסטער מאן אין עכו , ער וואר זייער רייך אונ איז אמאל גיוועזן פון דיא גרעסטע יודישע העלדין , פון אלע זיינע קינדער וואס זיינע צווייא ווייבער האבין אים געשיינקט איז נור געבליבין דיא שיינע מאסאלינא . דארום איז קיין וואונדער וואס זיא וואר בייא אים טייערער אלס אלעס אין דער וועלט , פון איר וויג אן האט ער זיא אויף זיין שוים ערצויגען , אונ וואס איר אויג האט פערלאנגט האט ער דאס איר פערשאפט אונ האט אבער דאבייא געוואוסט אין איר איינפלאסען דיא גרעסטע אכטונג צוא זיין פערזאן , וואס ער האט אוים גירעט וואר בייא מאסאלינען הייליג וויא גאט אליין זאל דאס זאגין , זיא איז נאך קיין מאל אין איר לעבין אים אויף דאס מינדעסטע אונגעהארזאם גיוועזן .

זיא האט בעשטענדיג פון אים גיהערט אז ער ווינטשט זיא פער-הייראטען מיט אפרומען יודישען העלד פון אגרויסער פאמיליע , דארום אלס דיא ליבע איז זא אונערווארטעט גיקומען אונ האט זיא צוגיבונדין , צוא פטרוניוסן , האט זיא אלע קרעפטע אנגעווענדעט דיא ליבע זאל בלייבין אגעהיימעניש , זיא האט נוט גיוואוסט אז ווען איר פאטער וועט

ערפאהרען אז זיא ליבט אראמער וועט ער ענטוועדער זיך זעלבסט אדער איר ערמארדען פאר כעס דען אבינדב האט דיא ראמער פיינד געהאט וויא דעם טויט , דער פאר וואס זייא הערשין איבר דאס יודישע לאנד , פאר וועלכע ער האט פיל מאל זיין לעבין געאפפערט ·

אכט מאנהייטע האבין דיא פערליבטע אין די פינסטערע וויא אין דיא ליכטיגע נעכט ראמאנסירט אין אבינדבס גרויסין פרוכט גארטין , זייא האבין ראמאנסירט חאטש ביידע האבין געוואוסט אז זייא האבין קיין האפענונג אויף איין עוויגער פערבינדונג , דען מאסאלינא האט אים כמעט אלע אבענד געזאגט אז אן איר פאטערס ערלויבניס וועט זיא מיט אים ניט הייראטען , פטרוניוס האט אין איר ערקאנט אפעסטין אייזערנעם חאראקטער , ער האט גוט געוואוסט אז פון איר ענטשלוס וועט זיא קיין מאל אבווייכען , אונ דאך האט ער זיך זיין פייעריגער הייסער ליבע מיט לייב אונ זעלע איבער געגעבין , ער האט גאר ניט געוואלט וויסין וואס שפעטער וועט זיין , ער איז גליקליך געווען מיט דעם געגענווארט , דא מיט וואס ער זעהט זיא , ער רעדט מיט איר אונ הערט אירע ליבע זיסע ווערטער ·

נוא דא אלס ער האט ערהאלטין פון קאיסן אבריף ער זאל וואס צום גיכסטין קומען נאך רוים , דא האט ער זיך וויא פון אזיסין חלום ערוואכט , ער האט זיך ארום געזעהען אז אויב ער וועט יעצט מיט מאסאלינען קיין ענדע מאכין , מוז ער זיך פון איר אויף עוויג שיידין , דען ער פארט נאך רוים , ווער ווייס צוא וועט ער שוין אמאל אהער צוא ריק קאמען ·

ער האט ערציילט זיין געליבטער אז ער מוז אוועק פארין , אונ האט איר געמאכט דעם פלאן זיא זאל אויך מיט אים מיט פארין , דען קיין אנדער מיטיל זייא זאלין זייער גליק ערגרייכין איז גאר ניטא , אבער מאסאלינא האט גאר דער פון ניט געוואלט הערין זיא האט בייא זיך ניט געקאנט רעכט מאכין פערלאזין איר געטרייען פאטר אין אפערצווייפעלטער לאגע , ער זאל פון עגמת נפש צוא ליב איר שטארבין ·

פטרוניוס האט נאך איבעריגע אכט טאג פערזאמט אין עכו מיט דער האפענונג אז מאסאלינא וועט זיך ענדליך בעשליסען מיט אים מיט צוא פארין , אונ אלס ער האט ענדליך זיך איבר צייגט אז זיין מיהע וועט זיין אומזיסט האט ער זיך מיט כעס פון איר געשיידעט וויא מיר האבין

שוין גיזעהען , אונ איז נאך יענע נאכט אוועק גיפארין פון עכו אים נאך רוים צוא גיין .

ער איז אוועק גיפארין , אבער מיט אפערוואונדעט בלוטיגעם הערצין , שיידין זיך פון מאסאלינען וואר ביא אים וויא פון לעבין. זיך שיידין , דער העלדענמוטהיגער יונגער ראמער האט דיא גאנצע וועג פון עכו נאך רוים זיינע טרערין ניט גיקענט איין האלטין , דיא גאנצע וועלט האט אין זיינע אויגין איר גאנצין חן פערלארען , אונ ער האט זיך גאר ניט גיקאנט פארשטעלין וויא וועט ער אן מאסאלינען לעבין .

פילע פלענער , אונ פילע פראיעקטע האט ער זיך גימאכט וויא אזוי זיין הערצענם געליבטער מאסאלינען ענדליך צוא בעקומען , אבער ער האט קיין האפענונג גיזעהען אמאל אזוי גליקליך צוא זיין .

קומענדיג נאך רוים האט ער אויף אקורצער צייט גימוזט מאסאלינען מיט גוואלד פון קאפף ארוים טרייבין , דען ער האט דא גיטראפין אזא ווירוואר , אונ ער האט גימוזט אזוי פיל ארבייטין אז ער האט גאר קיין צייט גיהאט וועגין זיין ליבענדער צו דיינקען , קאיוס וועלכער האט אים מיט אפענע הענד עמפפאנגען האט אים ערציילט אז דר קייזער טיבעריוס וואונט יעצט אויף דער אינזעל קאפרעא , דיא גאנצע מלוכה האט ער איבער גיגעבין סעיאנוס'ן אונ דר סעיאנוס האט אין זינען זיך צוא זעטצין אויף דעם קייזערליכין טראן אין רוים . אונ דארום זוכט ער גילעגענהייט אים (קאיוסן) פון דער וועלט צוא פערטרייבין אום ער זאל אים אין וועג ניט שטיין , קאיוס האט געוויזין פטרוניוסן אז אויב מיא וועט יעצט ניט ארבייטין סעיאנוסן צוא זאמען מיט טיבעריוסן אויף יענער וועלט איבער טראנספארטירען וועט סעיאנוס בלייבין קייזער אונ ער (קאיוס) מיט אלע זיינע גוטע ברידער וועלין זייער לעבין מוזין אויף דעם עשאפאט ענדיגען .

אלזא וואס זאל איך טאן ? — האט פטרוניוס גיפרעגט .

דא מוז מען ערשטינם מאכין איין אינטריגע צווישין טיבעריוסן אונ סעיאנוסן — האט קאיוס גיענטפערט — מיא מוז דעם קייזער פאקטיש איבער צייגין אז סעיאנוס וויל לעבעדיגערהייט זיין יורש זיין , דר אלטער אלם ער וועט דאס ערפאהרען וועט ער זיך מיט דעם גוטין פריינד ארענטליך אברעכענען , אונ אז מיר וועלין פון סעיאנוסן פטור ווערין דאן וועלין מיר זיך צוא אים אליין נעמן . אים וועלין מיר קענען גיך פאטערין ווען דוא וועסט נור זיין נעבין אים . . . אונ פילייכט וועסטו געפינען איין

עצה וויא מיין ליבין אגריפוסן פון זיין געפענגענים צוא רעטען דאן וועלין מיר מער קרעפטע האבין צוא ארבייטין.

וויא ווייט מיינע קרעפטע וועלין ערלויבין וועל איך געוויס ארבייטין האט פטרוניוס גיענטפערט — איך מוז מיך אבער פריער זעהען מיט סעיאנוסן, אונ דאן וועל איך קאנען און הויבין פאר אים אקבר צו גראבין.

טוא וויא דוא פערשטייסט — האט קאיוס גיענטפערט — איך פערלאז מיך אויף דיר ווייל איך ווייס אז דוא האסט שכל צו גיין ארום אזא גישעפט.

פטרוניוס האט זיך נאך אין דעם זעלבין טאג גילאזט מעלדין בייא סעיאנוסן, אונ האט מיט זיינע קלוגע רייד, אונ מיט זיינע חניפות אזוי גימאכט אז סעיאנוס האט זיך פאר אים פערטרויט אז ער וויל קייזער ווערין. אונ דאבייא האט ער דעם פעהיגען יונגען העלד פערשפראכין פאר אגריפען קעניג מאכין, אויב ער וועט אים בעהילפיג זיין, פטרוניוס האט אים פערשפראכין מיט לייב אונ זעלע צוא דינען, אין עטליכע טעג האט זיך סעיאנוס אזוי אין אים פערטרויט אז ער האט אים אויפין האנד אפאפיר גיגעבין אין וועלכין ער האט בעפאהלען אלע זיינע סאלדאטין זייא זאלין פטרוניוסן פאלגין וואס זייא וועלין פון אים הערין. ווען דאס וועט אפילו אן גיין דעם קייזערס לעבין...

מער האט פטרוניוס ניט בעדארפט, ער איז מיט דעם פאפיר אוועק געפארין צוא דעם קייזער טיבעריוס, אונ האט אים סעיאנוסעס פלענער מיט געטיילט, דאבייא האט ער אים געוויזין דאס פאפיר.

דער אלטער קייזער איז אויסער זיך גיווארין פאר כעס ער האט באלד געשיקט נאך רוים צום סענאט, אונ האט זייא בעפאהלען זייא זאלין דיא מינוט סעיאנוסן צום טויט פעראורטהיילען, אונ דער סענאט וועלכער האט סעיאנוסן זייער פיינד גיהאט פאר דיא רציחות וואס ער האט אלע טאג גיטאן, האט אים באלד מקים פסק גיוועזן, אונ מיא האט אים פובליצנע דעם קאפף אבגיהאקט.

דער פאר איז אבער פטרוניוס בייא דעם קייזער זייער בעליבט גיווארין, ער האט אים שוין פון זיך ניט אבגילאזט, אונ האט אים טייער גיהאלטין וויא דיא אויגין אין קאפף.

אין אמאנהייט נאך דעם האט זיך טיבעריוס בעשלאסין צו ריק נאך רוים זיך אום צו קערין, אום קיינער זאל שוין ניט וואגין טראכטין וועגין דעם דער ראמישער קראנע, קומענדיג נאך דער שטאט קאמפאניא איז ער עפעס ניט געזונד גיווארין און איז אין אונמאכט גיפאלין, דר גיטרייער

פטרוניוס האט אים צארטליך גינומען מינטערין , און אלס ער איז צוא זיך גיקומען האט ער זיך בעקלאגט אז אים איז קאלט , פטרוניוס האט געשווינד אים גינומען ערווארעמען , ער האט אויף אים אן געלייגט בעטגעוואנד און קאלדרעס אזו פיל ביז דער שוואכער אלטער טיראן *) איז ערשטיקט גיווארין .

אבוואהל דיא אלע לייב קנעכט דעם קייזערס , און אלע גרויסע הערין וואס ווארין דא האבין פערשטאנען אז דער קייזער איז ניט זיין געוואהנליכען טויט גישטארבין , זייא האבין אויך פערשטאנען אז פטרוניוס האט דא אלס מלאך המות גידינט , נור קיינער האט אווארט גירעט , דען אלע ווארען צופרידין מיט דעם טויט פון דעם שרעקליכין רוצח וועלכער האט כמעט יעדין טאג פערגאסין דאס בלוט פון אונשולדיגע ארדענטליכע מענטשין , אלע זיינען זא גאר פטרוניסן דאנקבאר גיוועזן דער פאר וואס ער האט זייא בעפרייט פון דעם הערצלאזען מאנארך .

באלד האט זיך פערברייטעט דיא נאכריכט פון דעם קייזערס טויט אין גאנץ איטאליע , און קאיוסעס פריינדע האבין אים באלד גיזעצט אויף דעם קייזערליכין טראן .

דאמאלס זיינען אויף גיעפינט גיווארין דיא טירין פון אנריפוסעס פינסטערין קערקער , און דער געפאנגענער פרינץ איז בעפרייט גיווארין , דער נייער קייזער האט אים פאר אלע זיינע מיניסטארין , און פאר דעם גאנצין סענאט פארגישטעלט אלס זיין בעסטין גוטין פריינד און האט אים שוין גימאכט פאר אקעניג איבער דיא לענדער וואס זיין אנקעל פוליפוס האט רעגירט דען גראדע דאמאלס איז פוליפוס גישטארבין .

נור געשעצטער און געאכטעטער פון אלע וואר פטרוניוס , קאיוס האט גאר ניט געוואוסט מיט וואס ער זאל אים בעלאהנען פאר זיין ארבייט , ער האט אים גיוואלט מאכין פאר אקעניג איבער אגרויס לאנד , נור וייל דאמאלס איז גראדע קיינע וואקאנטע שטעלע גיוועזן , האט ער אים גימאכט פאר דיין געהיימראטה .

און

*) דער קייזער טיבעריוס וועלכער האט רעגיערט אין רוים פון דעם יאר תשעיד ביז תשציז וואר איינער פון דיא שרעקליכע ראמישע קסרים וואס האבין מענטשין בלוט וויא וואסער פערגאסין .

ג.

אין ירושלים.

און מאסאלינע ?

דאס מעדכען איז פערלויף פון עטליכע טעג אזו פערענדערט געוואָרין דאס עס וואר אונמעגליך זיא צו ערקענען, זיא איז נאך אלין יעדע נאכט צו דער בעשטיממטער שטונדע, אין וועלכע זיא פלעגט זיך זעהען מיט פטרוניוסן, געגאנגען אין גארטין צו דעם ברונען, עפעס האט איר אויס געוויזין אז איר געליבטער וועט קומען, זיא האט ניט געוואָלט גלויבין אז ער איז אוועק געפארין, אז זיא וועט אים שוין ניט מער זעהען, אלס זיא האט זיך איבערצייגט אז ער איז טאקע אוועק געפארין, אז ער וועט שוין צו איר ניט קומען, איז זיא וויא מעלאנכאליש געוואָרין, זיא האט מיט קיין מענטשין געקאנט ריידין, דיא אימער פרעהליכע לוסטיגע מאסאלינע וועלכע האט בעשטענדיג אויס געזעהען אלס מוסטער דעם גליקעס, איז יעצט געוואָרין אבילד דער פערצווייפלונג. אירע אויגין וואַרען אימער פייכט פון וויינען, און ווען יעמאנד האט צו איר גערעט האט זיא אויף הונדערט ווערטער נור איינם געענטפערט, זיא האט גאר ניט געהערט וואס מיא פלעגט צו איר ריידין, דען אירע געדאנקען האבין זיך געצילט נור צו איין פונקט, צו איר הערצענס געליבטין פטרוניוס.

איר געטרייער פאטער איז זייער אונרוהיג געוואָרין אלס ער האט פלוצים אזו אפערענדערונג בעמערקט אין זיין איינציג קינד, ער האט אן געהויבין זיא אויס צו פארשין, זיא אויס צו פרעגין, וואס דאס בעדייט אבער ער האט דיא וואַרהייט ניט געקאנט ערפארען, און ער האט גירעכינט אז זיא איז איינפאך קראנק, ער האט וויא אבעזאָרגטער פאטער געבראכט דיא גרעסטע ערצטע מיא זאל זיא בעטראכטין, זיא היילען, אבער זיא האט קיין ערצט געוואָלט צו זיך צו לאזין.

פטרוניוס, נור ער האט מיט זיין ערשיינונג זיא געקאנט היילין, זיא האט געוואָלט אויף אים האטש איין קוק טאן, האטש נאך איין איינציג מאל אים זעהען, זיא וואָלט פערליב אן גענומען זיין כעס און דיא ערגסטע ווערטער אבי מיט אים נאך אמאל צו ריידין, אבער פטרוניוס וואר שוין זייער וויט פון איר, ער איז שוין געזעסין ביא דעם נייעם קייזערס רעכטע האנד, און האט אים געהאלפין דיא פערפלאנטערטע אונאָרדנונגען אין אָרדענונג צו ברייננען.

דיא נאכריכט פון דיא אומענדרונגען אין רוים זיינען אויך נאך דעם לאנד יהודה אן גיקומען , אלע יודין האבין זיך זייער געפרייט וואס דער טיראנישער קייזער האט פלאטץ גימאכט פאר קאיסן וועלכער האט אנאמן גיהאט פאר אגוטין מענטשין דען טיבעריוס האט פיל מאל גיוואלט די יודין שטערין אין זייער תורה אונ אין זייער גאטעס דינסט , בעזאנדערס האבין זיך דיא יודין געפרייט אויף דעם וואס דער פרינץ אגריפוס דער איינקיל פון אלכסנדר החשמונאי איז קעניג גיווארין אונ איז אגרויסער חשוב ביא דעם נייעם קייזער .

אין יענער צייט איז דאס ווירקליך קיין קליינינקייט גיוועזן ווען איינע פון דיא לענדער וואס האבין גיהערט צוא דער וועלט הערשערין רוים האט גיהאט אפאר שטעהער אגוטין פריינד אין רוימישען קייזערליכין הויף , בעזאנדערס האבין זיך דיא יודין אין אזא פערזאן גענאטהיגט , ווייל זייא האבין דאמאלס אויך זייער פיל פיינדע גיהאט דער פאר וואס זייא ווארען זייער רייך , אונ זייער אפט האט זיך בענוצט ארעמישער פעלדהער פון דיא געלדגיערינע לייט מיט רכילות אונ ליגינס אויף זייא פאר די רעמישע קסרים אום זייא צוא בערויבען , דארום האבין זיך דיא יודין מיט רעכט געפרייעט אויף דעם וואס דער צופאל האט זייער געליבטין פרינץ אגריפוס צוא אזא שטופע גיבראכט ער זאל זייא קאנען פערטהיידיגין , מיא האט אין אלע יודישע שטעט גאט גיבעטין פאר דעם נייעם קייזער , בעזאנדערס אין ירושלים אין דעם הייליגין בית המקדש האט מען מקריב גיוועזן קרבנות אונ מיא האט דעם גרויסין יודעשין גאט גיבעטין ער זאל דעם נייעם מאנארך שיינקען גליק אונ לעבין .

דאס איז אוים גיקומען גראדע פאר שבועות , ווען פון אלע יודישע שטעט אונ פון דער גאנצער וועלט זיינען דיא יודין גיפארין נאך ירושלים פייערין דארט דעם הייליגין יום טוב , אויך אונזער בעקאנטער אבינדב בן גירא האט זיך צוא געגרייט צו דער רייזע , דען ער האט נאך אין זיין לעבין נית איין מאל פערפעלט דיא דרייא ימים טובים פסח , שבועות , אונ סכות פייערין אין ירושלים .

דאס מאל האט ער גיוואלט זיין טאכטער מאסאלינען אויך מיט נעמען אין דער יודישער רעזידענציא (קעניגליכע שטאט) ערשטינס האט ער גיהאפט אז פאהרענדיג וועט זיא זיך אביסל צערשטרייען , אונ וועט מונטערער ווערין , צווייטינס האט ער גירעכינט זיא פירען צו די גרויסע ערצטע וואס האבין גיוואונט אין ירושלים , פיליכט וועלין זייא פערשטיין

(אמענטש)

אִין וָואס אִיר קְרַאנְקְהַייט בֶּעשְׁטֵייט , אוּנ וֶועל אוּיס זוּכִין צוּ אִיר אַמֶעדִיצִין, דַאבַּייא הָאט עֶר פָּשׁוּט גִימֵיינְט מִיט אִיר דָארְט אַשִׁידוּךְ טָאן , דֶען אִין אַזַא צַייט וָואס כִּמְעַט אַלֶע יוּנְגֶע לַייט פוּן גַאנְצִין לַאנְד קְלַייבִּין זִיךְ צוּא זַאמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם קָאן מֶען זַייעֶר לַייכְט אַרֶעכְטִין חָתָן פַר אַשֵׁיינֶער רַייכֶער כַּלָּה אוּיס קְלַייבִּין .

נִיט אַזוֹ לַייכְט אִיז אִים אָבֶּער אָן גִיקוּמֶען מאסאלִינען צוּא בֶּעוֶועגִין זִיא זָאל מִיט אִים פָאהרִין , דָאס טְרוֹיעֶרִיגֶע פֶערְצְוֶוייפֶעלְטֶע מֶעדְכֶען הָאט נוּר גִיוָואלְט אֵיינְזַאם זִיצֶען אִין אִיר שְׁטִילִין צִימֶער , אוּנ אַלֶע טָאג בֶּעזוּכִין דֶעם טַייעֶרִין פְּלַאטְץ וואוּ זִיא פְלֶעגְט זִיךְ זֶעהֶען מִיט פטרוניוסן , עֶנְדְלִיךְ אָבֶּער אַלְס דֶער פָאטֶער הָאט זִיא מִיט טְרֶעהְנֶענְדֶע אוֹיגִין גִיבֶּעטִין זִיא זָאל נִיט זַיין אַיין גִישְׁפַּארְט אוּנ זָאל מִיט אִים פָארִין , הָאט זִיא זִיךְ גִילָאזְט בֵּייגִין אוּנ אִיז מִיט אִים נָאךְ ירושלים גִיפָארִין .

מאסאלינא אִיז נָאךְ ירושלים קֵיין מָאל גִיוֶוען , זִיא אִיז פוּן אִיר גֶעבּוּרְטְס שְׁטָאט עַכּוֹ נָאךְ נִיט אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען , זִיא הָאט גִימֵיינְט אַז קֵיין שֶׁענֶערֶע שְׁטָאט וִויא עַכּוֹ אִיז גָאר אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט נִיטָא , אַלְס זִיא אִיז אָבֶּער אִין יְרוּשָׁלַיִם אַרַיין גִיקוּמֶען אִיז זִיא אַזוֹ אִיבֶּערְרַאשְׁט גִיוָוארִין אַז זִיא הָאט זִיךְ אוּיף אַהִיבְּשֶׁע צַייט אֲפִילוּ אָן אִיר פטרוניוסן פֶערְגֶעסִין , זִיא הָאט זִיךְ גָאר קֵיין מָאל אִין דֶער פַאנְטַאזִיעֶ נִיט פָארְגִישְׁטֶעלְט אַז אִין דֶער וֶועלְט קָאן גֶעבִּין אַזַא שְׁטָאט וֶועלְכֶע בֶּעשְׁטֵייט וִויא פוּן אַגַאנְצֶע וֶועלְט , זִיא הָאט נִיט גִיוואוּסְט אוּיף וָואס פְרִיעֶר צוּא קוּקִין , צוּ אוּיף דִי פְּרֶעכְטִיגֶע פַּאלַאטְצִין וָואס הָאבִּין דָאס אוֹיג וִויא צוּגֶעפֶּעסֶעלְט צוּא זִיךְ מִיט זַייעֶר שֵׁיינְקַייט , צוּא אוּיף דִיא אוּנְגֶעהֵייעֶר הוֹיכֶע טִידְרֶמֶע וָואס שְׁפַּארִין מִיט זַייעֶרֶע גֶעגִילְטֶע קֶעפְּף דֶעם הִימֶעל אוּנְטֶער , אָדֶער אוּיף דִיא הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְדֶער מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבִּין אַלֶע גַאסִין אָן גֶעפִּיהְלְט .

דֶער פָאטֶער הָאט בֶּעמֶערְקְט דֶעם אַיין דְרִיק וָואס דִיא שְׁטָאט הָאט גֶעמַאכְט אוּיף זַיין טָאכְטֶער , אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אִינִיג גֶעפְרֵייט , עֶר הָאט גִיהָאפְט אַז דָא וֶועט זִיא זִיךְ אַזוֹ לַאנְג בֶּעשֶׁעפְטִיגִין מִיט דִיא אַנְטִיקִין וָואס זִיא וֶועט אוּיף יֶעדֶען טְרִיט זֶעהֶען , בִּיז אִיר מֶעלַאנְכָאלְיֶע וֶועט פָארְאִיבֶּער גֶעהֶען .

עֶר אִיז מִיט אִיר אַרַיין גֶעפָארִין צוּ זַיין בְּרוּדֶער דינאי וֶועלְכֶער וַואר אֵיינֶער פוּן דִיא רַייכְסְטֶע מֶענְטְשִׁין אִין ירושלים , דינאי מִיט זַיין פַאמִילְיֶע הָאבִּין דִיא טַייעֶרֶע גֶעסְט מִיט דֶער גְרֶעסְטֶע פְרֵיידֶע אוּנ צֶארְטְלִיכְקַייט

עמפפאנגען, זא דאס איז דעם ערשטין מאמענט האט זיא זיך אזו היימיש געפונען וויא ביא זיך אין דער היים.

דיין אלעזר איז שוין גיקומען פון רוים? — האט אבינדב גיפרעגט דעם ברודער נאך דער ערשטער פריידענפאלער בעגעגענונג.

ניין ער איז נאך ניטא — האט דינאי גיענטפערט — נאר איך ערווארטע אים יעדען מאמענט, דען ער האט מיר נאך מיט צוויא וואכין צוריק בענאכריכטעט אז ער וועט אויף שבועות קומן אהיים, איך רעכין אז ער איז דארט איבעריגע עטליכע טעג פערבליבין אום צו זעהן דעם פאראד פון קאיוסעס קריינונג.

איך בין אים זייער נייאגיעריג צו זעהען — האט אבינדב גיזאגט — איך קאן דאך נאך אים גאר ניט, שוין צעהן יאר אז איך האב אים ניט גיזעהען, אין דיא צעהן יאר האט ער גימוזט אגאנצער מאן ווערין.

ער איז ווירקליך אליעבענס ווירדיגער יונגער מאן — האט דינאי גיענטפערט — דוא וועסט זיך גאר זאט פון אים ניט קענען אבקוקין, ער איז אהעלד אין פאלען זינע דעם ווארטעס, און איך האף אז ער וועט מיט דער צייט אונזער לאנד זייער נוטצליך זיין.

דיא קליינע אונטער רעדונג פון די צוויא ברידער וועגין דעם יונגען מאן וואס בעדארף קומען פון רוים האט אונזער מאסאלינען שטארק פעראינטערעסירט, דעם אנקעלס אזון בעדארף קומען פון רוים, „האט זיא זיך גיקלערט" איך וועל פילייכט פון אים עפעס הערין וועגין מיין פטרוניוסן, זיא האט שוין דעם אונבעקאנטין יונגין מענטשין אן גיהויבין צו ערווארטין מיט מער אונגעדולד אלס זיין פאטער, און זיא האט גאר לאנג ניט בעדארפט ווארטין, דען אויף מארגין איז צו דינאים הויז צוא גיפארין אפרעכטיגער עקיפאזש, און פון אים איז ארוים גישפרונגען איונגער מאן פון אונגיפער צוואנציג יאר שיין וויא איין ענגעל און זיין גאנצע האלטונג וואר העלדיש און מייסטעטיש, דינאי מיט זיין פרויא און קינדער האבין אים מיט דער גרעסטער פריידע עמפפאנגען, און האבין אים פאר אבינדבן און פאר זיין טאכטער אלס זייער זאהן אליעזר פארגעשטעלט.

דיאביידע יונגע מענטשין אליעזר און מאסאלינא האבין זיך מיט זייערע בליקען באגעגענט, און דער יונגער העלד האט געמוזט זיינע בליקען צוריק ציהען, דען ער האט ניט געקאנט ערטראגען דעם צויבער וואס איז גילעגין אין אירע אויגען, זיא האט אים אבער נייאגיעריג און

העכסט ערפרייט בעטראכט, אונ אלס ער איז צו גיגאנגען זיך מיט איר בעגריסען, האט זיא דיא ערשטע אנגעהייבין צו ריידין, אונ האט מיט אפריינדליכער מינע גיזאגט: מיך פרייט זייער דיך צוא קענען ברודער, איך גלויבע אז דוא וועסט אויף מיר ניט צירנען דאפיר וואס איך בעהאנדיל דיך אזו פאמילאריש, אונזער פערוואנדשאפט גיט מיר דאס רעכט דאצו.

אין געגענטהייל — האט אליעזר גיענטפערט העכסט ענטציגט פון דער אונגעוועהנליכער שאנהייט — איך שעטצע מיך גליקליך דאמיט וואס דוא בעהאנדעלסט מיך אזו פאמילאריש, איך האב אזא גליק ניט ערווארטעט צו געפינען דא אזא טייערע שוועסטער וויא דוא ביזט.

זייערע עלטערין דינאי אונ אבינדב האבין זיך אויך מיט זייערע בליקין באגעגענט, אונ אגליקליכער שמייכיל האט זיך אויף זייערע ליפען געוויזין, זייערע אויגין האבין וויא גירעדט: „דאס איז זייער אגלייך פארול".

דוא קומסט דאך יעצט פון רוים — האט אבינדב גיזאגט צוא אליעזרן — ערצייל אונז עפעס נייעס פון דארט, דארט מוז זיך דאך קעהרין דיא וועלט.

אקליינינקייט וואס דארט טוט זיך יעצט — האט אליעזר גיענטפערט דיא רעמער ווייסין גאר ניט וואס צו טאן פאר פרייד דער פאר וואס זייא זיינען בעפרייעט געווארין פון טיבעריוס דעם טיראן.

דאס איז ריכטיג וואס מיא ערציילט אז ער איז ניט מיט זיין טויט געשטארבין? האט אבינדב גיפרעגט.

דאס איז זייער ריכטיג — האט אליעזר גיענטפערט—מיא וויים זאגאר וועהר דער מענטש איז וועלכער האט אים אוועק געשיקט אין יענעם עולם.

דאס האט אים געווים גימוזט צו דינען איינער פון דיא מענטשין ביי וועלכע ער האט זייערע קינדער גערויבט אום זייא פאר ווילדע רויבגיעריגע טיהרע צוא ווארפין.

ניין דאס האט אים גראדע צוא געדינט איינער פון זיינע נאהענטע קרובים, איונגער רעמישער העלד מיט דעם נאמען פטרוניוס.

ווייל אלע ווארען פאר אינטערעסירט מיט דעם נייעס אונ זייערע אויגין זיינען גיוועהן געווענדעט צוא אליעזרן, האבין זייא ניט גיזעהען וויא מאסאלינא איז בלאס גיווארין וויא איר ווייסער קבאנין.

פטרוניוס — האט אבינדב נייגעריג גיפרעגט — איז דאס פיליכט

דער זעלבער פטרוניוס וועלכער איז אנאנג יאר געוועזן דער אנפיהרער פון די ראמישע סאלדאטען אין עכו ?

יא דאס איז ער — האט אליעזר געענטפערט — איך האב טאקע געהערט אז ער איז פון יהודה געקומען נור צו ליב דעם ער זאל טיבעריוסן אבשיקען אין קבר .

נו און מיא שווייגט אים דער פאר ? — האט דינאי געפרעגט .

צו מיא שווייגט אים ? חא חא חא ! — האט אליעזר געלאכט — אלע זיינען אים די בעסטע גוטע פריינד דער פאר , בעזאנדערס דער נייער קייזער קאיוס קאליגולא , ער האט אים יעצט גרעסער געמאכט אלס אלע סענאטארען , און מיא זאגט אז ער וועט אים זעטצען אויף אקעניגליכען טראן אין איינע פון די גרעסטע לענדער וואס געהערען צו די ראמער .

מאסאלינא האט אבגעווענדעט דאס געזיכט צו פערבערגען די פריידען טרעהנען וועלכע האבען זיך אין זייא ווי די גלענצענדע פערלען געוויזען .

און וואס פערציילט מען וועגען דעם נייעם קייזער ? — האט ווייטער דינאי געפרעגט — איז ער ווירקליך איין ערדענטליכער מאן ?

דער וויל איז ער זייער ערדענטליך , און זייער גוט , נור מיר האבען ערציילט איינגע מענטשען וואס קאנען אים נעהענטער אז מיא קאן פון אים קיין גוטעס ערווארטען , ער איז , אזו האבען זייא מיר געזאגט , אזאנדערבארער מענטש , און ווען ער זאל ניט געוועזן זיין דעם בערימטען גערמאניקוס אזון און דער יורש פון קייזערליכען טראהן וואלט מען אים פשוט פאר אוואהנזיניגען געהאלטען , ער האנדילט אפט ווי איין עכטער משוגענער , נו קאן מען עפעס גוטס פון אזא מענטשען ערווארטען ?

גאט זאל חאטש געבען אז זיין משוגעת זאל אונזערע יודען ניט שאדען האט אבינדב געזאגט אויף הייבענד די אויגען צום הימל .

ד

אמענטש אלס גאט .

דרייא יאר זיינען איבער געגאנגען פון דעם שבועות .

ווי אפט , אז מיר לעזען די וועלט געשיכטע , קומען אונז פאר די אויגען אזעלכע זאנדערבארע ווילדע זאכען וואס אונזער פערשטאנד בעגריפט זייא ניט , און מיר ווילען ניט גלויבען אז אזעלכע זאכען האבען

אמאל גיטראפין , אונ דאך האט דאס פארט גיטראפין , דען אויף דעם זאגין עדות הונדערטער גרויסע מענטשין פון יענע צייטין , וואס האבין מיט זייערע אויגין די אלע אונגלויבליכע זאכין בייא געוואהנט .

אין דרייא יאר ארום נאך דעם אז קאיוס האט זיך גיזעצט אויף דעם קייזערליכין טראהן האט דאס גאנצע לאנד יהודה וויא פון אשרעקליכען פיבער געציטערט , דען מיא האט ערציילט אז דער קייזער קאיוס האט זיך איין געבילדעט אז ער איז דר גרויסער גאט וואס האט באשאפין הימל אונ ערד , אונ דאס משוגעת האט ער דער גאנצער וועלט גיוואלט איין שמועסין , ער האט גיגעבין אשטריינגען בעפעהל אז אין אלע לענדער איבער וועלכע ער רעגירט זאל מען אין אלע טעמפלען זיין בילד אדער זיין פיגור , אויס שטיין גיהאקט , אוועק שטעלין , אונ אלע זאלין צוא דעם בילד בעטין וויא צוא גאט , מיא האט אין אלע יודישע שטעט דער פון מיט שרעק גירעט , אונ מיא האט ערציילט אז מיא האט שוין טאקע אין אלע לענדער דעם באפעהל מקים גיוועזן , מיא האט זיין בילד אויס גיהאנגען אין אלע טעמפלען אונ מיא דינט שוין צוא אים וויא צוא גאט , דיא יודין האבין געציטערט אז דער משוגענער קייזער זאל ניט בעפעהלין זייא זאלין אויך דאס זעלבע טאן .

וויא ריכטיג דוד האט גיזאגט : „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ„ ד. ה. ווער איז אין דער גאנצער וועלט אזא געטרייע פאלק וויא דיין פאלק ישראל , דיא געטריישאפט פון דיא יודין צו זייער גאט אונ צו זייער תורה איז ווירקליך צוא בעוואונדערין , צו אלעס האט מען זייא גיקאנט צווינגען , ארבייטין דיא שווערסטע ארבייט , זיין עוויגע שקלאפין , בערויבין זייער געלד אונ זייער עהרע , נור זייער תורה אונ זייער געטריישאפט צוא זייער גאט האט מען בייא זייא ניט גיקאנט רויבין , דיא גרעסטע העלדין וואס פאר זייא האט דיא וועלט געציטערט , דיא גרעסטע קסרים וואס האבין איבער דעם גאנצין ערדבאלען גיהאט צוא שאפען , האבין פערלארין זייער קראפט בייא אזא קליינעם געגענשטאנד וויא צו צווינגען די שוואכע יודעליך זייא זאלין זייער רעליגיאן פערלאזין .

אין יענער צייט וויא אונזער געשיכטע האלט האט מען ניט נור איבעראל פר דעם רעמישען קייזער געציטערט , זא גאר פאר א רעמישען סאלדאט האט מען מורא גיהאט אונ דארום האט מען איבעראל דעם קייזערס באפעהל גיטאן נאך כמעט איידער ער איז פון זיין מונד ארויס , דען דער וואס וואר דאגעגין דעם קייזערס קלענסטין באפעהל האט ער

באלד גאר אן שיהות ערהאלטין זיין פסק, מיא האט אים ענטוועדער מיט דיא גרעסטע יסורים ערמארדעט, אדער מיא האט אים פאר איין עווינין קנעכט פערקויפט, איינוואהנער פון גרויסע לענדער זיינען פאר שקלאפפען פערקויפט גיווארין דער פאר וואס זייא האבין זיך געוואגט ניט אזו גיך דעם ראמישען גענעראל גובערנאטארס בעפעהל צו טאן, שיינע בליהענדע לענדער זיינען פערוויסט אונ רואינירט גיווארין, דער פאר וואס מיא האט אין זייערע איינוואונער דעם קלענסטין חטא גיפונען, איז שוין אוואונדער וואס אלע פעלקער האבין באלד קאיום ערקאנט אלם גאט אונ האבין זיך גיבוקט אונ תפלה גיטאן צוא זיין בילד?

נור די יודעלאך, דאס שוואכע קליינע פאלק איז דער בעפעהל ניט גיפעלין גיווארין, אונ האבין זיך וויא איין מענטש בעשלאסין, אז זייא מאגין אלע אוים געקוילעט ווערין אין איין טאג זאלין זייא זייער גרויסין גאט ניט פערבייטין אויף אמשוגענעם מענטשין, זייא האט זיך גאר ניט גיוואלט גלויבין אז דער קיזער וועט דיא עזות האבין אונ וועט זייא אזא זאך בעפעהלען, ווייל אלעמען וואר בעקאנט וויא די יודין זיינען פערטיג זיך יעדין מאמענט אויף צו אפפערין פאר זייער גאט.

באלד אבער האבין זייא ערפאהרען אז דער משוגענער קאיום האט זייא פון כלל ניט ארוים גענומען, דען דער גענעראל גובערנאטאר האט געשיקט רופין דיא כהנים גדולים אונ דיא גרעסטע מענטשין פון ירושלים, אונ האט זייא פארגעלעזען דעם קייזערס באפעהל: זייא זאלין אין בית המקדש זיין בילד ארייין שטעלין אום אלע יודען זאלין דארט קענען צו אים דינען אונ תפלה טאן.

«איך וויים» האט פילאטוס ענדליך צו זייא גיזאגט «איך וויים אז איר זענט אהארט נאקיגעם פאלק, אונ איר וועט דעם בעפעהל ניט וועלין טאן, דען איך האב נאך ניט פערגעסען וואס פאר צרות איך האב פון אייך גיהאט אלם איך האב דעם קייזערס טיבעריוסעס בילד גיבראכט אין ירושלים, דארום איז מיין שולדיקייט איך זאל אייך יעצט זאגין אז איך בין ניט געזאנען מיט אייך זיך צוא קריגין, איך זאג אייך מיט גוטין איר זאלט דעם קייזערס בעפעהל טאן, אונ קוים וועט איר זיך ווייגערין, מעלד איך דאס באלד אין ראם, אונ דער קייזער וועט גיוויס אהער ארייין שיקין מיליטער מיא זאל פון אייך מאכין אתל».

דוא וויא אויך דער קייזער מאגט איר טאן וואס איר ווילט האבין דיא יודין גיענטפערט, אונ מיר קאנען דיר זאגין אין דעם נאמען פון אלע

(אמענטש) אונזערע

אונזערע יודין אז כל זמן אונזערע נשמות וועלין זיין אין אונזערע קערפער וועלין מיר געוויס ניט ערלויבין מיא זאל אין אונזער היילגין בית המקדש אבילד פון אמענטשין אריין שטעלין .

איך האב פריער געוואוסט אז איר וועט דאס ענטפערין — האט פילאטוס צארניג געזאגט — אונ נור אויס מיטלייד צו אייך האב איך אייך מתרה געוועזן איר זאלט אויף אייך אונ אויף אייער לאנד קיין אונגליק ברייגגען יעצט אז איך הער פון אייך אזא אנטווארט האב איך שוין מיין שולדיגקייט געטאן , אונ נאך היינט שיק איך אגעזאנדטען צום קייזער אים אייערע ווערטער איבער צוא געבין .

מאגסט טאהן , וואס דוא ווילסט , אונ מיר וועלין אזא שרעקליכע זינד געגען אונזער גאט ניט טאן — האבין די יודען געלאסען געענטפערט .

באלד האט זיך דיא נאכריכט פון דעם קייזערס בעפעהל אין דעם גאנצען לאנד יהודה פערברייטעט , אונ א שווארצער פינסטערער וואלקען האט יעדער געזיכט פערדונקעלט , אלע יודען פון קלענסטען ביז דעם גרעסטען ווארען בערייט דיא גרעסטע יסורים צו ערטראגען אבי ניט דערלאזין מיא זאל זייער היילגען טעמפעל בעשמוצען .

אונ ניט נור די יודען פון דעם לאנד יהודה זיינען ערציטערט געווארין ביא דער נאכריכט , דאס האט ערשראקען אלע יודען פון אלע לענדער , דען ביא יעדען פון זייא וואר דער בית המקדש פון ירושלים הייליג אונ טהייער , יעדער פון זייא איז פערטיג געוועזן דעם האלז צוא שטרעקען פר דעם שווערד פון דעם הענקער אבי ניט צוזעהען וויא מיא וועט זיין היילגסטעס אונ טהייערסטעס פעראונרייניגען .

דיא יודען וואס האבען געוואונט אין ראם האבין געשאטין מיט געלד אין אלע זייטען אבי מיא זאל דעם שרעקליכען בעפעל פערשטיקען , אבער דא האט קיין געלד געהאלפען, דען אלע ראמישע גרעסטע מענטשן האבין געציטערט פאר דעם משוגענעם קאיוס .

אונ עס איז ווירקליך געוועזן פאר וועמען זיך צוא שרעקען , דען אין דיא דרייא יאהר וואס קאיוס האט רעגיערט , זיינען צעהנדליגר טויזענדער אונשולדיגע ארדענטליכע ראמער ערמארדעט געווארין , דען קאיוס האט זייער ליב געהאט מענטשענבלוט צוא פערגיעסען אונ צוא קוקען וויא מענטשין מוטשען זיך, ער פלעגט זייער אפט צווינגען די גרעסטע ראמישע הערען זייא זאלין אויף אדועל ארויסגעהען , אונ ער אליין פלעגט צוקוקען וויא דיא צוויא מענטשען שיקען איינער דעם צווייטען זייערע שווערדען

אין דיא בריסט אריין , דער טיראנישער מאנארך פלעגט דאס מיט פערגעניגען צוא קוקען אונ דאביי פאטשין בראוואָ · איין מאהל אלס אגרויסער נארר האט זיך צוא זאמענגעקליבען אין אמפיטהעאטער צוא צוקען וויא דיא צום טויט פעראורטהיילטע מענטשען ראנגלען זיך מיט דיא הונגעריגע לייבין *) · האט דער קייזער געהייסין מיא זאל אלע ארעסטאנטען פון אלע אסטראגין אהער ברייגגען אונ זייא פאר דיא בלוטגיעריגע חיות ווארפין , גראדע זיינען אבר דאמאלס קיינע ארעסטאנ-טען אין דיא אסטראגין גיוועזן , אונ אלס מיא האט דאס דעם קייזער געמעלדעט , האט ער געהייסין מיא זאל חאפין מענטשען טאקע פון דעם פובליקום וואס דא וואר , אונ מיא זאל זייא פאר דיא חיות ווארפין , אונ אום דיא אונגליקליכע זאלין ניט שרייען האט דער טיראן געהייסין מיא זאל זייא פריהער דיא צונגען פונם מויל אויסשניידען , אונ באלד האבין זיינע סאלדאטין געחאפט הונדערטער אונשולדיגע מענטשען אונ האבין זייא דיא צונגען אויסגעשניטען אונ פר דיא לייבין געווארפין , קאיום האט דאס מיט פערגעניגען צוגיקוקט וויא די הונגעריגע לייבין האבין געגעסין דאס פלייש פון דיא לעבעדיגע אונגליקליכע ·

נאכדעם אז ער האט פערגאסין דאס בלוט פון צעהנדלינר טויזענדר מענטשען האט ער געהייסין מעלדען איבעראל אז ער איז גאט אליין , אונ האט איבעראל אויך אין ראם אסך טעמפלען אויסגעמויערט מיא זאל דארט צוא אים דינען , אונ אלע מאהל פלעגט ער אין דיא טעמפלען ערשיענען אלס אנ׳אנדער גאט **)· אמאל אלס יופיטער , אמאל אלס אפאלא אדער אלס מארס , אונ אנדערש מאהל פלעגט ער ערשיענען אלס אגאטין וויא צום ביישפיעל יונא , מינערפא , ווענוס , אין דעם גרייסין טעמפעל וואס ער האט פאר זיך אויסגעמויערט אין ראם האט ער אריינגעשטעלט זיין בילד געגאסין פון גאלד , אונ האט געמאכט אשטארג אויף דער כהונה אין

דעם

*) אין יענע צייטען פלעגט דאס פאלק וועהער פערגעניגען האבין צו קוקען וויא מענטשען שטרייטען מיט רויבגיעריגע טיהרע , אונ אויף דעם וואר אגרייס טהעאטער אויסגעבויט ער האט געהייסין אמפיטהעאטער ·

**) דיא רעמער האבין געגלויבט אז אויף יעדע זאך איז דא אנ׳אנדער גאט אדער אגאטין דער גאט פונם הימעל האט ביא זייא געהייסין יופיטער , פון דער זאנגע אפאלא , פון מלחמה מארס, דיא גאטין פון דער חכמה האט געהייסין מינערפא , פון דער שוינהייט ווענוס ·

דעם טעמפעל, וויער עס האט געגעבען מער געלד דר איז דארט געווארין כהן גדול (אבערפריסטער) ענדליך האט ער די היילגע כהונה איינגעטהיילט אין דרייען. פאר זיך אליין, פר זיין ווייב, און פאר זיין פערד, ער האט דעם פערד נאך אגרעסער כבוד אנגעטאהן, דען ער האט אים געמאכט פאר אסענאטאר, און האט פאר אים אשיינעם פאלאטץ אויסגעבויט, אלע סענאטארין האבין געמוזט געהן אויף דעם בייל וואס מיא האט געמאכט אין דעם פערדס נאמען און טרינקען צוא איהם לחיים.

ער האט אמאהל געהייסין מאכין אבריק איבער דעם ים וואס נעבען נעאפאל, טויזענדער שיפען האט מען אויף דעם ים געבראכט, אויף די שיפען האט מען געשאטין ערד און מיליאנען טאהלער האט עס געקאסט ביז מיא האט דיא אלע שיפען צוזאממענגעטשעפעט און מיא האט וויא דורך אבריק איבער זייא געקאנט דעם ים דורכפאהרען, נאכהער האט ער געהייסין אויף דעם בריק אויסבויען גרויסע הייזער, און האט דארט געמאכט אפראכטיגען באל מיליאנען פאקעלען האבין פון דעם בריק דעם ים בעלייכטעט און דיא גרעסטע מענער פון ראם זיינען אויף דעם באל גיוועזן, אלס קאיוס האט שוין היבשע עטליכע בעכער וויין אויסגעטרונקען, און איז גוט פריילך געווארין האט ער פלוצים געהייסין מיא זאל אסך גרויסע הערין אין ים ווארפין און ער האט פון פאלען האלז געלאכט קוקענדיג וויא דיא אונגליקליכע ראנגלען זיך מיט דיא וועלען און דער-טרינקען זיך. באלד נאכדעם האט ער געהייסין מיא זאל אין אסך שיפען, וועלכע ווארען פאל מיט ראמישע בירגער און סאלדאטען, מאכין לעכער דיא וואסער זאל אין דיא שיפען אריין און עס האט לאנג ניט גיוועהרט זיינען דיא שיפען מיט דיא טויזענדער מענטשין וואס ווארען אין זייא פערטרונקען געווארין אין ים, און דיא מענטשין וואס האבין זיך געוואלט רעטען האט דער קייזער געהייסין מיט אייזערנע שטעקענס צוריק שטייסין אין ים, און אויף דעם דריטען טאג האט ער בעפאהלען מיא זאל דעם גאנצען בריק מיט דיא הייזער צוא ווארפין עס זאל קיין צייכין בלייבין אז דא איז גיוועזן אמאהל אבריק.

דיא אלע זאכין איז נאך קיין טויזענד חלק פון דיא גרויזאמע זאכין וואס דר טיראן האט אין דר צייט וואס ער וואר קסר גיוועזן נוא האט מען שוין געקאנט האפען אז מיא זאל פערשטיקען דעם בעפעהל וואס ער האט געגעבין מיא זאל זיין בילד אין בית המקדש ארייננשטעלען.

דיא איינציגע האפנונג פון דיא ראמישע יודען איז גיוועזן אז דער

קעניג אגריפוס וועלכער איז בעליבט, ביי קאיוסן, ער וועט אפשר קאנען דעם טיראנישען קייזער בעוועגען ער זאל זיין שטרענגען בעפעהל צוריקרופען, און זייא האבין צוא דעם קעניג וועלכער וואר דאמאלס אין לאנד בשן געשיקט אנאנצע דעפוטאטציע, איהם בעטין ער זאל ניט שווייגען און זאל זיך בעמיהען מיא זאל דעם היילינגען בית המקדש ניט פעראונרייניגען.

דער קעניג אגריפוס האט שוין געוואוסט פון דעם קייזערס בעפעהל, און ער איז פאר עגמת נפש קראנק געווארין, ער האט נוט געקאנט קאיוסן, און האט געוואוסט אז קוים וועט ער אים בעטין ער זאל דיא יודען פערשאנען מיט דעם בעפעהל, וועט דער קייזער רעכענען אז ער האלט אים ניט פאר אנאט, און זיין פריינדשאפט צוא איהם קאן זיך פערקעהערן צוא אשרעקליכע פיינדשאפט.

דיא דעפוטאציע פון ראם האט איהם געטראפין אין דער קראנקער בעט, ער האט זייא זייער פריינדליך עמפפאנגען, און האט זייא אפען געזאגט אז ער האט קיין האפנונג מיא זאל אזא זאך ביי דעם קייזער אויספיהרען, נאר אז ער וועט געזונד ווערין וועט ער פאהרען נאך ראם און וועט זיך פרווען, פיללייכט וועט איהם פארט געלינגען ער זאל דיא שרעקליכע זאך ניט דערלאזין, ער האט זיי דערוויל געהייסין זייא זאלין זיך נעמען צוא דיא אלטע וואפען, פאסטען, און תהלים זאגען, פילייכט וועט נאט רחמנות האבין אויף זיין פאלק און וועט זייא אויך דאס מאהל רעטען וויא ער האט זייא אמאהל געהאלפען אין אנטיוכוסעס צייטען.

ה

ארעטטער אוים ליעבע.

וואס איז געווארין מיט אונזערע פערליבטע, מיט פטרוניוסן און מיט מאסאלינען אין דעם פערלויף פון דיא דרייא יאהר?

דיא לעזער זיינען אהנע צווייפעל זייער נייאגיעריג צוא הערען דעם אנטווארט אויף דער פראגע, דארום וועלין מיר זייא צוליב טאהן און זייא אין קורצען אלעס ערציילען.

פטרוניוס איז נאך אלס קיין קעניג געווארין, דען קאיוס האט איהם פון זיך ניט אבגעלאזט, ער האט פשוט אן אים ניט געקאנט אויסקומען,

וייל פטרוניוס האט כמעט אליין די נאנצע מלוכה געפיהרט, אונ ער האט געפיהרט געטרייא וויא אוואהרער גוטער פריינד.

ער האט מאסאלינען האלב פערגעסען, דען די פולע גישעפטע וואס ער האט אימער אויף דעם קאפף געטראגין, אונ זיין גרויסע ארבייט וואס ער האט בעשטענדיג געהאט, האבין אים קיין צייט גענעבען ער זאל טראכטען וועגען דעם יודיש מיידיל וואס האט מיט אים אגאנץ יאהר ראמאנסירט, ער פלעגט זיך אפילו אמאהל יא אן איהר דערמאהנען, אונ ביי דעם געדאנק וועגן איהר האבין אלע זיינע גלידער אשוידר געטאהן, אבער באלד האט איהם זיין בעשעפטיגונג אבערמאלס פון דעם זיסען געדאנק אבגעריסען, אין דער לעצטער צייט האט ער זיך שוין כמעט וויא אין גאנצען אן איהר פערגעסען, דען ער האט גירעכינט אז זיא האט שוין געווים לאנג חתונה געהאט.

מאסאלינא האט אבער נאך גאר ניט געדיינקט חתונה צוא האבין, זיא האט איהר ליבען פטרוניוסן אלין ניט פערגעסען, דען זיא האט קיין אנדער בעשעפטיגונג געהאט וויא נור וועגען איהם צוא פאנטאזירען, אומזאנסט האט זיך איהר גישוועסטערקינד אליעזר בן דינאי געשדכינט, אומזאנסט האט אבינדב אלע כחות אנגעווענדעט זיא זאל מיט איהם הייראטען, מאסאלינא האט גאר דאפון ניט געוואלט הערין, זיא האט נאך געהאפט אז פטרוניוס וועט צוריק קומען, אונ אבוואהל זיא האט אלם נאך גאר ניט געדענקט צוא טאהן געגען דעם ווילען פון איהר פאטער, דאך האט זיא וויא געהאפט אז קוים וועט פטרוניוס דא זיין וועט ווערין רעכט.

אלס אין דעם גאנצען לאנד יהודה איז ארויס דער קלאנג פון דעם קייזערס בעפעהל מיא זאל זיין בילד אין טעמפעל אריינשטעלען, האבין די יודען פון עכו אויך וויא אין אלע יודישע שטעט גוזר תענית גיוועזן, אונ האבין געשריגען צוא זייער גאט ער זאל זייא רעטין מיא זאל זיין היילינען טעמפעל ניט פעראונרייניגען.

מאסאלינען איז אבער איינגעפאלן אז אין דר געפאהר קאן פטרוניוס אסך העלפין, זיא האט שוין גיוואוסט אז ער שפיעלט די גרעסטע ראליע אין ראם, אונ ביי איר איז זייער נאטירליך פארגעקומען אז ווען פטרוניוס זאל בעטין דעם קייזער ער זאל די גזירה מבטל זיין וועט דאס איהם דער קייזער געווים טאהן.

זיא האט אהנע יעמאנדען, איהר פלאן צו ענטדעקען, זיך געזעצט און האט דעם בריף אנגעשריעבען.

מיין טהייערער פטרוניום!

עס קאן זעהער זיין אז דיך וועט יעצט פערדריסען וואס איך אנ׳איינפאך יודיש מיידיל וואג מיך דיך צוא רופען «מיין טהייערער פטרוניום» דען דוא ביזט דאך יעצט דער אנגעזעהנסטער מאן אין ראם. נאר דיך מאג יא פערדריסען, ניט פערדריסען, בייא מיר ביזט דוא דער זעלבער טהייערער פטרוניום וואס מיט דרייא יאהר צוריק, איך האב דיך ניט פערגעסען און וועל דיך ניט פערגעסען, דיא ליבעפלאמען וועלכע דו האסט אין מיין ברוסט אנגעצונדען די וועלין זיך צוזאמען מיט מיין נשמה פערלעשען.....

איך קאמע ניכט יעצט מיט מיין שרייבען אונזער אלטע ליבע אויפצוטונטערן, ניין אזא נאר בין איך ניט, איך פערשטייא אז אין דער לאגע וואס דוא געפינסט זיך קאן איך ניט אריינטרעטען, איך קום אבער יעצט צוא דיר וויא צו איינעגענדפריינד בעטען אום הילפע און איך האף אז קיים איז בייא דיר נור איין פונק ליבע געבליבען צוא מיר וועסט דוא מיר ניט ענטזאגען, און וועסט מיינע ביטע ערפילען.

פטרוניום! אלס דוא ביזט צווישען אונז גיוועז, האסט דוא גענוג געלעגענהייט געהאט צו זעהען וויא געטרייא אונזערע יודען זיינען זייער גאטט, וויא זיי זיינען פערטיג יעדען מאמענט זיך זעלבסט צו ערמארדען איידער אויף דאס מינדעסטע פון זייער רעליגיאן אבצוטרעטען, דוא מוזט נאך געדיינקען וואס עס האט זיך געטאהן אלס פילאטוס האט דעם קייזער טיבעריוסעס בילדער אין ירושלים געבראכט, דוא געדיינקסט וויא פילאטוס האט אלע יודען וואס ער האט צוזאמענגערופען ארומגערינגעלט מיט געוואפענטע סאלדאטען און האט געהייסען די סאלדאטין זייא זאלין דיא אלע יודען אויסקיילען אויב זייא וועלין נאך אווארט אויס ריידען אז זייא זיינען אונצופרידען מיט דעם קייזערס בילדער, דוא ביזט דאמאלס אליין געשטאנען דאבייא אלס אלע יודען זיינען צוא דרערד געפאלען און האבין זייער העלזער אויסגעשטעקט מיא זאל זייא שעכטין אבי דעם קייזערס בילדער זאלען אין ירושלים ניט זיין, דוא האסט בעוואונדערט אנאציאן זאל זיין אזו איבערגעבין מיט לייב און זעלע זייער רעליגיאן.

שטעל זשע זיך פאר ליבער פטרוניום וואס יעצט וועט זיין אלס מיא

וועט וועלין קאיזערס בילד אין בית המקדש אריינשטעלען . אונ מיא וועט צווינגען דיא יודען זייא זאלין איהם פאר אגאט אנערקענען , דוא פערשטייהסט אז דיא רוימער וועלין דאס אנדערש ניט באווייזען וואו זייא וועלין פריהער ניט אויסשעכטין אלע יודען פון קליין ביז גרויס ?

דאס האט מיך בעוועגט איך זאל צו דיר שרייבען , אונ דיך בעטין דוא זאלסט אלע דיינע קרעפטע אנווענדען , אונ זאלסט ניט דערלאזין אגאנין פאלק זאל צוא גרונדע געהען . דאס בעדארפסט דוא טאהן אלס מענטש , אונ אלס מיין יוגענדפריינד .

מיט דער האפנונג אז מיינע רייד וועלין ניט אוועקגעהן מיט דעם ווינד צייכנע איך מיך אונטער דיינע עוויג ליבענדע אונ איבערגעבענע —

מאסאלינא .

דעם בריף האט מאסאלינא אבגעשיקט דורך ארעמישיען אפיציר וועלכער איז גראדע דאמאלס געפאהרן נאך רוים .

אונ אין רוים האט דאמאלס געקאכט וועגען דער עזות פון די יודען , דען דער קייזער האט שוין ערהאלטען פילאטוסעס אנטווארט אז דיא יודען ווילען פר קיין פאל לאזין ארייננשטעלען זיין בילד אין זייער טעמפעל, אונ ווילען איהם פאר זייער גאט ניט אנערקענען , דער משוגענער קאיזר איז פאסט פון דער הויט געשפרונגען פון כעס, אונ ווען עס זאל מעגליך זיין וואלט ער מיט זיינע אייגענע הענד אלע יודען אויס געקיילעט פר דער עזות, דיא יודענפיינדע האבין יעצט געפונען געלעגענהייט דיא גאל אויסצוגיעסען אויף דיא יודען , אונ האבין אונטערגעלייגט האלץ צו דעם פייער וואס האט אזוא אויך שטארק געברענט , דאגעגען דיא יודענפריינדע האבין זיך קיין ראטה געקאנט געבען וויא דאס פייער איינצולעשין .

דער קייזער האט נאך אלאנגעס נאכדענקען מיט וואס דיא עזות פעניטער צו בעשטראפען , זיך בעשלאסען צוא שיקען נאך ירושלים דעם שרעקליכען יודענפיינד קיליר מיט דרייא לעגיאנען סאלדאטען ער זאל דאס גאנצע יודישע לאנד פערוויסטען , אונ אלע יודען מיט זייערע ווייבער אונ קינדער אויסקיילען אדער פאר עוויגע שקלאפען צוא פערקויפען , קיליר וואר גראדע דער מענטש דאצו , דען ערשטענס וואר ער אמערדער זאנדער גלייכען, ער האט פון רחמנות קיין בעגריף געהאט , צווייטענס האט ער דיא יודען וויא דעם טויט געהאסט אונ ער האט פיעל מאהל אפען געזאגט אז ער וואלט זיך ערקוויקט ווען ער זאל קאנן געהען ביז האלז אין יודיש בלוט .

נָאךְ אִין דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג הָאט עֶר דֶעם בֶּעפֶעהל גֶעגֶעבֶּען קִילִירְן עֶר זָאל זִיךְ רֵייזֶע פֶערְטִיג מַאכֶען גֵיין נָאךְ יהודה מִיט דְרַייא לֶעגְיָאנֶען פוּן דִיא בֶּעסְטֶע טָאפְּפֶערֶעסְטֶע סָאלְדַאטֶען, אוּנ דִיא יוּדִישֶׁע פַּאטְרְיָאטִין הָאבִּין דַאפוּן גְלַייךְ גֶעמֶעלְדֶעט אִין ירושלים.

קִילִיר הָאט זִיךְ עֶרְקְוִויקְט אַלְס עֶר הָאט דֶעם בֶּעפֶעהְל עֶרְהַאלְטֶען, זַיין הָאפֶענוּנְג אִיז יֶעצְט אַזוֹא אוּנֶערְוַוארְטֶעט גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין מְחַיֶה גִיוֶוען אַלְס עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דִיא צָרוֹת וָואס עֶר וֶועט יֶעצְט דִיא יוּדֶען אָן טָאן, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען עֶנֶערְגִישׁ זִיךְ פֶערְטִיג מַאכִין צוּא דֶער רֵייזֶע.

נָאר גְרַאדֶע מִיט אֵיין טָאג פְרִיעֶר אֵיידֶער עֶר הָאט רָאם פֶערְלָאזִין, הָאט פטרוניוס מאסאלינאס בְּרִיעף עֶרְהַאלְטֶען.

דֶער בְּרִיף הָאט פְּלוּצִים וִויא מִיט אַצְווֵיבֶּערְשְׁלַאג, דִיא זִיסֶע פַארְגַאנְגֶענְהֵייט פַאר פטרוניוסן פָארְגֶעשְׁטֶעלְט. דָאס עֶנְגֶעלְשָׁאנֶע גֶעזִיכְט פוּן דֶער עֶדְלֶער מאסאלינא הָאט זִיךְ פַאר זַיינֶע אוֹיגֶען גֶעמָאלְט אִין אִיר פָאלֶען פְּרַאכְט, עֶר הָאט אוּנֶערְוַוארְטֶעט עֶרְפָאהְרֶען אַז זִיא הָאט נָאךְ נִיט גֶעהֵיירַאטֶעט, אַז זִיא רֶעכִינְט זִיךְ נָאךְ אַלְץ פַאר זַיינֶע.

דֶער גְרוֹיסֶער הֶעלְד הָאט פַאר פְרֵיידֶע אוּנ פֶערְגֶענִיגֶען נִיט גֶעוואוּסְט וָואס צוּא טָאן, עֶר הָאט דֶעם אָפִיצִיר וֶועלְכֶער הָאט אִים דֶעם בְּרִיף גֶעבְּרַאכְט פֶערְשָׁאטִין מִיט טוֹיזֶענְדֶער פְּרַאגֶען וֶועגֶען מאסאלינען, אָבֶּער דֶער אָפִיצִיר הָאט מֶער נִיט גֶעוואוּסְט צוּא עֶנְטְפֶערִין אֵיין זַאךְ אַז דָאס יוּדִישֶׁע מֶעדְכֶען הָאט צוּא זִיךְ אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט קֵיין גְלַייכֶען אִין שֶׁאנְהֵייט וִויא אִין טוּגֶענְד.

מִיא מוּז אִיר פָאלְק פוּן אוּנְגְלִיק רֶעטֶען צוּ לִיבּ אִיר — הָאט עֶר צוּ זִיךְ אַלֵיין גֶעזָאגְט אַרוּם לוֹיפֶענְד אִיבֶּער זַיין צִימֶער הִין אוּנ צוּרִיק, אִיר בִּיטֶע אִיז בַּייא מִיר טַייעֶרֶער פוּן דֶעם קֵייזֶערְס בֶּעפֶעל, אִיךְ מוּז אִיר פֶערְלַאנְג טָאן וֶוען דָאס זָאל מִיר אֲפִילוּ מַיין לֶעבֶּען קָאסְטִין, זָאל זִיא וִויסֶען אַז זִיא הָאט נִיט אוּמְזָאנְסְט מִיךְ לִיבּ.

נָאר וִויא אַזוֹי רֶעטֶעט מַאן יֶעצְט דִיא יוּדֶען?

אוֹיף דֶער פְרַאגֶע הָאט עֶר קֵיין אַנְטְוָוארְט בֶּעקוּמֶען, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז בֶּעטִין דֶעם קֵייזֶער עֶר זָאל זַייא פֶערְצַייהֶען אִיז אוּמְזָאנְסְט, בֶּעטִין דֶער קֵייזֶערִין אִיז אוֹיךְ שְׁלֶעכְט ווייל זִיא אִיז נִיט בֶּעסֶער פוּן אִים, אוּנ נִיט וֵוינִיגֶער מְשׁוּגַע אַלְס עֶר.

(אמענטש) ענדליך

ענדליך האט ער זיך צוא אפלאן בעשלאסען, אונ אגליקליכער שמייכעל איז איבער זיינע ליפען דורך געפלויגען.

ער איז נאך יענעם טאג צום קייזער געגאנגען, אונ האט זיך געלאזט בייא אים מעלדען.

אלס ער איז אריין געקומען אין קאיוסעס קאבינעט, האט ער מיט אנ׳ערינסטער מינע געזאגט: דוא ווייסט קייזערליכע מאיעסטעט וועגען וואס איך בין צוא דיר יעצט געקומען, מיר איז זייער ניט גיפעלין דער פלאן וואס דוא שיקסט קילירן נאך דעם לאנד יהודה.

פאר וואס גיפעלט דיר דער פלאן ניט?

איך רעכין אז דא מוז זיין אשטיקעל פאלש, איך גלויב ניט פילאטוסן וואס ער האט דיר געמעלדעט אז דיא יודען ווילין דיך ניט אנערקענען פאר אגאט, דאס איז אונמעגליך, איך קאן דיא יודען זייער גוט, איך בין דאך אגאנץ יאר צווישען זייא גיוועזן אונ איך ווייס אז זייא זיינען זייער קלוגע מענטשען, וויא זשע איז דאס מעגליך אז זייא זאלין ניט פאר שטיין אז מאקי נור דוא ביסט דער איינציגער גאט, אז נור פאר דיר באדארף מאן קניען אונ בעטין.

דוא ווייסט דאך אבער וואס פילאטוס האט געשריבען.

זאג איך דאך דיר אז איך גלויב אים ניט, ער מוז זיין אין כעס אויף דיא יודען דער פאר וואס זייא שטאפין אים ניט אן מיט געלד, האט ער דאס אויס געקלערט אויף זייא אזא ליגין אום דוא זאלסט הייסין זייא אין אבגרונד שטירצען.

נוא וואס זשע קלערסטו דארף מאן טאן? — האט קאיוס געפרעגט.

איך וואלט געראטהען, דוא זאלסט אהין ארויס שיקען אנ׳ארדענטליכען מאן אויף וועלכין מיא קאן זיך פאר לאזין אז ער וועט קיין ליגין זאגין, אונ ער זאל דארט דיא זאך ריכטיג נאכפארשין, אויב דאס איז אמת וואס פילאטוס שרייבט דאן וועט מאן זיך מוזען מיט דיא אונגלויביגע יודען אב רעכענען.

איך ווייס? — האט דער קייזער נאכדענקענד געזאגט.

פאלג מיך מאנארך אונ טוא וויא איך ראטהע, מיר איז אשאדע דיא גאלד וואס דאס יודישע לאנד טראגט דיר יאהרליך אריין אין דיינע שאטצע, דארום זאלין זייא פערלארין גיין צוליב פילאטוסעס אליגין.

נוא זאל זיין אזוא — האט קאיוס גיענטפערט — וועמען זאגסטו זאל איך אהין שיקען?

דוא ווייסט קייזער וואס איך וועל דיר זאגען — האט פטרוניוס נאך אקורצעם נאכדענקען געזאגט — אבוואהל פאר מיר איז דאס אגרויסע טרחה דער פארען אזא וויטע רייזע, נור פאר דיר אונ פאר דיין עהרע איז מיר קיין זאך שווער, ווען דוא וועסט מיר ערלויבען וועל איך אהין פארען, אונ אויב איך וועל זעהען אז פילאטוס האט דיא ווארהייט געזאגט, קאנסטו זיכער זיין אז איך וועל פון דיא יודען אגאנצע ביין ניט איבער לאזין.

ווער זשע וועט דא דיין שטעלע בעטרעטען ?

איך וועל מיך לאנג ניט זאמען, העכסטינס דרייא מאנהייט, אונ דער וויילקאן דער סענאטאר דעמיציוס מיין שטעלע בעטרעטען.

נוא אויב דוא ווילסט פאר — האט קאיוס גיענטפערט — אונ נעם טאקי מיט זיך דיא דרייא לעגיאנען וואס איך האב בעשטימט פאר קילירן פיליכט וועסטו זייא דארט באדארפין האבין.

זייער גוט — האט פטרוניוס העכסט ערפרייט גיענטפערט — איך וועל זייא מיט נעמען, אונ דוא קאנסט דא זיכער זיין אז בייא מיר וועט דארט זיין אלעס אין ארדענונג.

אונ אויף מארגען איז פטרוניוס מיט דיא דרייא לעגיאנען ארויס פון ראם, אונ איז נאך דעם לאנד יהודה געגאנגען.

קיליר איז שיר געשטארבין פאר פערדרוס, אונ ער האט אנדר געטאן ער זאל ראכע נעמען פון פטרוניוסן.

ו

אנ׳אונערוואַרטעטער דאנער.

קאן מאן דען פארשטעלען דיא שרעק פון טויזענדער מענטשען וואס ערווארטען יעדע מינוט דעם טויט ? דיא שרייבר שטעלען אפילו זייער אפט פאר דיא לאנגע אונ דיא געדאנקען פון דיא אונגליקליכע אבער אלע זייערע שרייבאכצין אונ פארשטעלונגען זיינען נור אטויזענדטייל פון דער ריכטיקייט.

מיין פעדער פילט זיך צוא שוואך אום אריכטיגע פארשטעלונג צוא געבען דיא לעזער פון דעם שרעק וואס איז אין יענער צייט אלע יודען בעפאלען אלס זייא האבין ערהערט אז דער קייזער האט ארויס געשיקט

קילירן ניםל (אמענטש)

קילירן מיט דריי לעגיאנען סאלדאטען זייא זאלין מיט גוואלד זיין בילד אין בית המקדש אריין שטעלען, אונ אויב דיא יודען וועלין דאגעגען זיין זאל ער מאכין אהויפען אש פון זייער לאנד אונ פון זייערע ביינער.

דאמאלס זיינען נאך קיינע אייזינבאהנען, אונ קיינע טעלעגראמען גיוועז, זאנאר פון אגעוואוינליכער פאסט האט מאן אין יענער צייט ניט געוואוסט, אבריף פון ראם נאך דעם לאנד יהודה האט באדארפט גיין אפאר וואכין דורך אשליח, דארום האט מאן אין ירושלים ניט גיקאנט אזוא גיך וויסען פון דער פערענדערונג וואס עס איז געווארין, אז אנשטאט קילירן האט דער קייזער פטרוניוסן ארויס געשיקט, אונ אלס מיא האט אין ירושלים ערהאלטען דעם בריף פון דיא ראמער יודען אז דער קייזער שיקט ארויס קילירן האבין אלע דעם טויט ערווארטעט, דען אלע האבין געוואוסט וואס פאר אשונא ישראל דער קיליר איז, אז ער וועט זיך מיט דער געלעגענהייט בענוטצען, אונ וועט דאס גאנצע לאנד חרוב מאכין.

דיא יונגע יודישע העלדען האבין זיך פארטיג געמאכט צו שטרייטען געגען קילירן, נור פילאטוס וועלכער האט ערשמעקט אז דיא יודישע יונגע לייט גרייטען זיך צוא אשטרייט האט שטרענג פערפאלגט דיא מענטשין וועלכע ער האט חושד גיוועז אז זייא ווילען אהאנד געגען דיא ראמער אויף הייבין.

קורץ דיא לאגע פון דיא ארעמע יודען וואר דאן זייער טרויעריג, זייא האבין געזעהען אשווארצען פינסטערין וואלקען אויף זיך אויף גיין, אונ האבין קיין ארט געפונען וואו זיך צוא באהאלטין פאר דיא שרעקליכע דאנערין אונ בליטצען וואס ער טראגט אין זיך.

ביי דיא גרויסע יודישע געלעהרטע איז געבליבין, אז זייא זאלין פריווען פריער קילירן מיט גוטען בעטין ער זאל זייער בית המקדש ניט פעראונרייניגען, אונ אז זייא וועלין זעהען אז מיט גוטען קאן מאן מיט אים ניט אויס פירין זאלין זייא זיך נעמען צו דעם שווערד.

אונ דער ווייל איז זיך פטרוניוס מיט זיינע לעגיאנען רוהיג געפלויגין נאך דעם לאנד יהודה, דיא הויפטזאכע צו ליב וועלכע מיא האט אים געשיקט, ער זאל דעם קייזערס בילד אין בית המקדש אריין שטעלען, דאס איז ביי אים אויף דעם צווייטין פלאן געשטאנען, אונ אויף דעם ערשטין איז געשטאנען מאסאלינא.

דער געדאנק אז ער וועט באלד זעהען מאסאלינען, האט זיין

גאנצען קאפ אנגעפעלט , אים האט זיך דיא וועג פון ראם נאך יהודה אונענדליך לאנג אויס געצייגין , ער האט עפעס געוואלט אז מיט איין שפרונג זאל ער שוין זיין אין עכו , אונ זאל האטש פון ווייטען מאסאלינען זעהען , אזעסער שוידער איז אים איבער אלע גלידער דורך געגאנגען אלס ער האט זיך פאר געשטעלט וויא איבעררראשט זיא וועט ווערין אלס זיא וועט אים דער זעהען , וויא זיא וועט אים מיט טראהענענדע אויגען ארום דעם האלז פאלען , אונ ער וועט זיא צו זיין ברוסט צו דריקען .

ענדליך האט ער פון ווייטען דער זעהען דיא באקאנטע טהירמע פון דער שטאט עכו, ער איז פאר גליק אונ פריידע אויסער זיך געווארין , פריידענטראהענען האבין זיך איבער זיינע וואנגען געגאסין , ער איז שוין גיקומען צו דער ליבע שטאט אין וועלכע זיין טייערע מאסאלינע וואוינט , ער וועט זיא באלד זעהען .

דער געריממטער העלד איז פלוצים אפאעט געווארין , אונ קוקענדיג אויף דיא הויכע טהירמע פון דער שטאט עכו האט ער מיט זיין זיסער שטימע אונ געפיהלפאל געזונגען דאס ליד פון אגעוויסען פאעט פון יענער צייט :

מיך שרעקט קיין דאנער , קיין בליטץ , קיין שטורעם ,
מיך שרעקט ניט דער טייפעל מיט זיין מאכט
אונ פריידיג פליא איך דארט הין צו דעם טהורעם
וואו מיינע געליבטע שיינט אין איר פראכט .
דיא ביטערסטע געפאהרע זינד מיר זים
דיא פינסטערע העלע , ערשיינט העל פאר מיר
קאנטע איך נור קאמען אין דעם פאראדים
וואו מיין ליבבען וואוינט , זיך קניען פאר איר .

זייט מיר געגריסט איר שאנע געביידע !
א זאגט : וואס טוט מיינע גאטטין איצונד ?
ערווארטעט זיא מיך מיט איניגער פריידע
ערקוויקט דאך מיין שמאכטענדע זעלע געשווינד .
וואו ביסטו מיין גאטטין מיין ליכט מיין גליק
א קאם שנעל צוא מיין קלאפפענדעם ברוסט
עווינ ערשיינט מיר יעדע אויגענבליק
ערשיען דאך פאר מיר איך שטארב פאר לוסט .

קומענדיג נאהענט פון שטאט , האט ער זיך ניט גיקאנט איין האלטין ,

ער

ער האט גיהייסין זיינע סאלדאטין זייא זאלין לאנגזאם גיין, אונ ער אליין האט פריער אוועק גערייטין אויף זיין שטארקין פערד, ער האט קיין געדולד גיהאט צוא ווארטין מער, אונ איז אויף זיין לייכטן פערד וויא אויף אדלער פליגלען גיפלויגין.

אלס ער איז גיקומען צו מעמנאם מאנומענט, דארט וואו עס פאנגט זיך אן אבינדבם גארטין, האט ער זיין פערד צוא אבוים צוא גיבונדין, אונ איז אליין איבער דעם גארטין צוים איבער גישפרונגען, זיין געזיכט האט גישטראהלט פאר פריידע אלס ער האט זיך דער מאנט אז ער איז יעצט אין דעם זעלבען גארטין וואו ער פלעגט אלע נאכט שפאצירין מיט זיין ליבע מאסאלינען, שנעל וויא אפייל פון בויגין איז ער גיפלויגין צוא דעם ברונען, דער היילגער פלאטץ וואו מאסאלינא האט אים איר ליבע ערקלערט, דער פלאטץ וואו ער האט צום ערשטין מאל איר מונד מיט זיינעם ליפפען בערירט.

ער וואר וויא בערוישט פון גליק, ער איז ענדליך צוא דעם פלאטץ גיקומען, דיא זאנע איז נאך גישטאנען הויך אין הימעל אונ האט אירע בלענדענדע שטראהלען דורך דיא גידיכטע בוימען דורך גישפארט, דא וואר שטיל אונ וויא אהייליגקייט האט איבעראל גישוועבט, פטרוניוס האט זיך אויף דיא קניא גיווארפין אונ אויף הייבענדיג זיינע הענד מיט דיא פייכטע אויגין צום הימעל האט ער גאט גידאנקט וואס ער האט אים צוריק גיבראכט אהער אויף דעם טייערין פלאטץ.

פלוצים האט ער ערהערט טריט אין גארטין, ער איז פון דער ערד אויף גישפרונגען אונ דאס הארץ האט אין אים מעכטיג אן גיהייבין צוא קלאפין, "דאס איז זיא" "דאס איז זיא!" האט ער צוא זיך אליין גירעט אונ האט זיך גיווענדעט צוא דער זייט פון וואנען דאס גערויש איז געגאנגען.

מענטשענטריט זיינען אלץ הערבארער גיווארין.

ניין דאס איז ניט זיא — האט פטרוניוס פערדרוספאל געזאגט — דאס זיינען שווערע מענער טריט, דאס איז ניט מיינע מאסאלינא.

ער האט שוין געוואלט אוועק גיין אין דער זייט פון וואנען ער איז געקומען אבער אין דער מינוט האט אים יעמאנד אפרעג געטאן: וועמען באדארפסטו דא ראמער?

ער האט זיך אומגיווענדעט אונ האט דער זעהען אשיינעם יונגען

מַאן פון אַיאר דְרייא אונ צְוַואנְצִיג, זַייעֶר רייךְ גֶעקְלֵיידֶעט אונ מִיט אַסוּמְפַּאטִישֶׁעם גֶעזִיכְט.

אִיךְ בִּין דָא זִיךְ דורךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירֶען — הָאט פּטרוניוס גֶעֶנְטְפֶערְט.

הָאסְטוּ דַאצוּ גֶעהַאט דִיא עֶרלויבְּנִים פון דֶעם ווירְטָה?

נֵיין — הָאט פּטרוניוס שְׁמֵייכְלֶענְד גֶעֶנְטְפֶערְט.

מִיט וָואס זָשֶׁע פַאר אַרֶעכְט הָאסְטוּ דָא צוּ גֵיין שְׁפַּאצִירֶען?

מִיט וָואס פַאר אַרֶעכְט גֵייסְטוּ דָא שְׁפַּאצִירֶען?

אִיךְ? — הָאט דֶער יונְגֶער מֶענְטְשׁ מִיט כַּעַס גֶעֶנְטְפֶערְט — אִיךְ בִּין פון אבינדבס פַאמִילְיֶע.

אִיךְ קָאן דוכְט זִיךְ אַלֶע גְלִידֶער פון אבינדבס פַאמִילְיֶע אונ הָאבּ דִיךְ צְווִישֶׁען זֵייא קֵיין מָאל גֶעזֶעהֶען — הָאט פּטרוניוס גֶעזָאגְט.

דוּא קָאנְסְט אַלֶע גְלִידֶער פון אבינדבס פַאמִילְיֶע? וֶוער זָשֶׁע בִּיסְטוּ? זָאג פְרִיעֶר וֶוער דוּא בִּיסְט?

אוֹיבּ דוּא בִּיסְט שְׁטַארְק נֵייאגִיעֶרִיג צוּ ווִיסֶען וֶוער אִיךְ בִּין זָאג אִיךְ דִיר אַז אִיךְ בִּין אבינדבס אַפְלֶעמַיאנִיק, אונ זַיין טָאכְטֶערְס חָתָן.

פּטרוניוס אִיז בְּלַאס גֶעוָוארִין וִויא דֶער טוֹיט אַלְס עֶר הָאט דִיא לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער עֶרְהֶערְט, עֶר הָאט אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען גֶעטְרַאכְט, אונ הָאט נָאכְהֶער גֶעזָאגְט מִיט אַנִיפְּטִיג שְׁמֵייכִיל, אונ מִיט אַסַאטִירִישֶׁען טָאן, אונ אוֹיבּ דוּא בִּיסְט נֵייאגִיעֶרִיג צוּא ווִיסֶען וֶוער אִיךְ בִּין, זָאג אִיךְ דִיר אַז אִיךְ בִּין פּטרוניוס דֶער עֶלְטֶסְטֶער פוּנֶם ראמישען סענאט, אִיךְ בִּין אַהֶער גֶעקוּמֶען מִיט דְרייא לֶעגְיָאנֶען סָאלְדַאטֶען אַייעֶרֶע הַארְטְנַאקִיגֶע יוּדֶען אַבִּיסֶעל צוּ דֶעמוּטְהִיגֶען, אונ אַרַיין שְׁטֶעלִין דֶעם קֵייזֶערְס בִּילְד אִין אַייעֶר הֵיילִיגֶען טֶעמְפֶּעל.

דָא אִיז דֶער יונְגֶער מַאן בְּלַאס גֶעוָוארִין, אונ הָאט מִיט אַוֵוייכֶען טָאן גֶעזָאגְט: פֶערְצֵייהֶע וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר נִיט הֶעפְלִיךְ גֶירֶעט, אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעוואוּסְט וֶוער דוּא בִּיסְט, נָאר זָאג מִיר גִיפֶאלִינְסְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גִיהֶערְט אַז דֶער קֵייזֶער הָאט אַרוֹים גֶעשִׁיקְט קילירן מִיט דִיא ראמישע לֶעגְיָאנֶען.

דֶער קֵייזֶער הָאט זַיין בַּאפֶעל אוּמְגֶיעֶנְדֶערְט, אונ הָאט מִיךְ אָנְשְׁטָאט קילירן גֶעשִׁיקְט. דוּא קָאנְסְט זִיכֶר זַיין אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ מִיט אַייעֶרֶע יוּדֶען קָאנֶען אַזוֹא גוּט אָבּ רֶעכֶענֶען וִויא קילִיר, אִיךְ וֶועל אַייךְ ווַייזֶען וִויא מִיא בֶּעשְׁטְרַאפְט דִיא מֶענְטְשֶׁין וָואס פָאלְגֶין דֶעם קֵייזֶער נִיט, דוּא

קאנסט (אמענטש)

קאנסט מיינע ווערטער דיינע יודען איבער געבין, ניב זייא אויך איבער אבינדבן אונ דיין כלה, זיא קאן מיך זייער גוט.

אונ אהנע דעם יונגען מענטשענס אנטווארטען צוא הערין איז ער העכסט צארניג אוועק געגאנגען צו זיין פערד.

אזוא גאר? — האט ער צוריק גייענדיג צוא זיך אליין מיט כעס גירעט — זיא האט שוין אחתן? זיא האט נור פון מיר חוזיק געמאכט וואס זיא האט געשריבין אז זיא איז מיר געטרייא געבליבין, נוא נוא איך וועל איר שוין ווייזען וואס הייסט חוזיק מאכין פון פטרוניוסן, איך וועל זיא מיט אלע אירע ברידער אזוא אן לערנען אז זייא וועלין מיך געדיינקען צייט זייא וועלין לעבין.

ז

שלום געווארין.

אליעזר בן דינאי (אבינדבס פלעמיאניק) האט פון דער ערשטער מינוט וואס ער האט מאסאלינען דער זעהען שטארק חשק געהאט זיא זאל זיינע ווערין, אונ ער האט פאלעם רעכט געהאט אויף איר האנד צוא האפין, דען זיינע עלטערין וויא אויך אירע האבין טאקי גערענקט זייא ביידע צוא פערבינדען, אונ אים איז גאר ניט איין געפאלען אז מאסאלינע וועט אים ניט וועלין, בעזאנדערס אלס ער איז מיט איר באקאנט גיווארין, אונ זיא האט אים שוועסטערליכע צארטליכקייט געוויזען, ווארן בייא אים קיין צווייפעל אז זיא האט אים אזוא ליב וויא ער זיא, אבער זיין האפנונג האט ניט לאנג געדויערט, דען אלס ער האט איין מאל אן געהייבין מיט איר צוא ריידין וועגין זייער צוקונפט, אונ האט אן געהייבין אב צו מאלען מיט שיינע פארבין דאס גליק וואס זייא ביידין ערווארטעט נאך זייער חתונה, האט אים מאסאלינע פערוואונדערט אן געקוקט, אונ האט אים ענדליך גאר אפען געזאגט אז אויב ער רעכינט אז זיא וועט זיינע פרויא זיין האט ער אגרויסין טעות, דען זיא דענקט גאר קיין מאל צוא הייראטען.

אליעזר האט אנפאנגס געמיינט אז זיא לאכט, אלס ער האט אבער צום צווייטען אונ צום דריטען מאל פון איר דיא ווערטער גיהערט, אונ ער האט גיזעהען דיא ערנסטע מינע וואס זיא האט דאבייא געוויזין, איז

אים קאלט געווארין אין אלע גלידער, ער האט דאס איבער געגעבין זיינעם וויא אויך אירען פאטער, זייא האבין אן געהייבין זיא אויס צוא פארשין וואס אירע ווערטער באדייטען, אונ האבין מיט שרעק אונ ערשטוינען אויך דאס זעלבע פון איר מונד גיהערט: אז זיא וויל עוויג לידיג בלייבען זיטצען.

אבינדב וועלכער האט געהאפט פון זיין איינציגער טאכטער אדור צוא ערלעבין איז פאר כעס אונ עגמת נפש קראנק גיווארין אין ירושלים, אבער זיין קריינק אונ זיין עגמת נפש האבין אהיבשע צייט דאך ניט גיקאנט ביינין מאסאלינען זיא זאל זיך צוא אהייראטה בעשליסען, ענדליך אבער האט זיא אויף איר געליבטען פאטער רחמנות געהאט אונ האט אים פערשפראכין אז זיא וועט יא הייראטען נור מיט דעם בעדינג ער זאל זיא ניט צווינגען זיא זאל זיין דיא פרויא פון דעם וועלכען אים וועט גיפעלין.

אבינדב איז רוהיגער געווארין, דען אבוואהל ער האט זייער געוואלט אז אליעזר זאל זיין מאסאלינעס מאן, נור קוים איז ער איר ניט גיפעלין האט ער בייא זיך געמוזט רעכט מאכין זיא זאל חתונה האבין מיט אנאנדערין, דאבייא האט ער געהאפט אז מיט דער צייט וועט זיך מאסאלינא אליין ארום זעהען אז אליעזר איז פאר איר דער בעסטער חתן, אונ זיא וועט איינווילינין צוא דער פארטייא, ער האט אליעזרן האפנונג געגעבין אז מאסאלינא וועט זיך מיט דער צייט פארט בעשליסען זיינע צוא זיין, ער זאל נור האבין געדולד.

אליעזר האט אפילו קיין גידולד געהאט צוא ווארטען, ער האט אבער געמוזט ווארטין, אבינדב איז באלד פון ירושלים אוועק געפארען צוריק אהיים אונ האט אן געזאגט אליעזרן ער זאל אפט אים בעזוכען אין עכו, דען דורך דיא בעזוכע קאן ער געווינען מאסאלינעס הערץ.

אליעזר האט דעם אנקעלס עצה ריכטיג ערפילט, ער איז כמעט אלע צווייא מאנהייט געקומען נאך עכו, אונ איז בייא אבינדבן אין הויז בייא אכט טאג אדער בייא צווייא וואכין געזעסין, מאסאלינא פלעגט אים זייער פיין בעהאנדלען, זיא פלעגט ארום גיין מיט אים שפאצירען — שטונדען לאנג מיט אים פערברייננען, נור וויא ער האט בעריהרט דעם פונקט צוא וועלכען ער האט זיך געצילט האט זיא אים גיבעטין ער זאל וועגין דעם ניט ריידין.

אזוא זיינען איבער געגאנגען דרייא יאר, אונ אליעזר האט נאך דיא

האפנונג ניט אויפגעגעבין, ביא אים ואר קיין צווייפעל אז ער וועט פארט זיין מאסאלינאס מאן, אים האט זיך דיא לעצטע צייט אוים געוויזען אז זיא איז צוא אים גאר אנדערש געווארין, אז זיא בעהאנדעלט אים מיט ווארע ליבע, אונ קוקט אויף אים מיט ליבעפאלע בליקען, אונ דארום האט ער זיך פאר פטרוניוסן פארגעשטעלט אלס איר ברויטיגאם.

דאס וואס ער האט יעצט גיהערט פון פטרוניוסן ואר זייער אוויכטיגע נייעס, דען מיא האט דאמאלס וועגין קיין אנדער זאך גירעט וויא נור וועגין דאס מיליטער וואס גייט יעצט נאך דעם לאנד יהודה זיך נוקם זיין אן דיא יודען, ער האט דא אונערווארטעט צוויא זייער וויכטיגע זאכין ערפאהרען, אז דיא לעגיאנען זיינען שוין אן געקומען, אונ זיא גייען ניט אונטער דער הערשאפט פון קילירן זאנדערן פון פטרוניוסן, אונ ער אליין האט דעם פטרוניוסן גיזעהען אונ האט פון אים אזעלכע שרעקליכע ווערטער גיהערט, ער איז באלד אהיים געלאפין איבער געבין דיא נייעס אבינדבן.

ער האט געטראפין אבינדבן מיט זיין פרויא אונ טאכטער ארום טיש, זיא האבין זיך שוין געזעצט צוא מיטאג, אונ האבין נור אויף אים געווארט.

איך האב זייער וויכטיגע נייעס געבראכט — האט ער געזאגט אריין לייפענד.

וואס פאר נייעס? — האבין אים אלע נייאגיעריג געפרעגט.

איך האב ערשט ביא אייך אנקעל אין גארטען געבען ברונגען זייער אוויכטיגע פערזאן געטראפין, דעם אן פירער פון דיא לעגיאנען וואס קומען יעצט פון רוים ראכע נעמען פון אלע יודען.

אבינדב איז פון זיין ארט אויף געשפרונגען אונ האט ערשראקען געפרעגט: וואס רעדסטו דומהייט אליעזר? זיינען שוין דיא לעגיאנען דען געקומען?

יא זייא זיינען שוין געקומען, איך דער צייל דאך אייך אז איך האב זייער אן פירער געזעהען, אונ האב מיט אים גירעדט ביא אייך אין גארטען.

וויא קומט ער צוא מיר אין גארטען?

איך האב מיך אויך אויף דעם געוואונדערט, איך האב אים זאגאר אנפאנגס שטרענג געפרעגט מיט וואס פאר ארעכט ער שפאצירט אין דעם גארטען, וויל איך האב ניט געוואוסט ווער ער איז, ער האט מיט

שטאלץ מיך געפרעגט וויא קום איך אין דעם גארטען, אונ מיר וואלטין זיך געווים גוט אויס געזידעלט אונ אפשר נאך אויס געפאטשט ווען ער זאל מיר ניט גיוועזן זאגין ווער ער איז.

איז שוין קליר דער צורר היהודים מיט זיינע סאלדאטין ביי אונז אין לאנד? האט אבינדב פערצווייפעלט געזאגט.

איר האט אנ׳אירטהום אנקעל — האט אליעזר קאלט גיענטפערט — ניט קילירן האט דער קייזער געשיקט אהער זאנדערן אנ׳אנדערין.

אנ׳אנדערין? ווער איז ער? אונ וויא הייסט ער?

ער איז זייער אגרויסער מענטש, זיין נאמען איז פטרוניוס.

פטרוניוס? — האט אבינדב מיט מאסאלינען אין איין שטימע אנגעשרייא געטאן, אונ אליעזר האט בעמערקט וויא: מאסאלינא איז טויטענבלאס געווארין.

יא פטרוניום — האט אליעזר גיענטפערט — נור וואס האסטו זיך אזוא ערשראקין ליבע מאסאלינא, דוא מיינסט ווירקליך אז ער וועט מיט אונז מאכין וויא ער וועט וועלין? ניין! מיר זיינען נאך אויך ניט אזוא שוואך וויא דיא ראמער מיינען, מיר וועלין מיט אלע קרעפטע געגען זייא שטרייטין, אונ אונזער גאט וואס האט אונז שוין פיל מאל פון שרעקליכע פיינד גירעטעט ער וועט אונז יעצט אויך רעטען דער פאר וואס מיר שטרייטין פאר זיין היילינין נאמען.

מאסאלינא האט אבער ניט גיענטפערט, זיא איז ארין געלאפין צוא זיך אין צימער אונ האט זיך דארט פון פריידע וויא אקליין קינד פונאיינאנדער געוויינט.

פטרוניום מיין פטרוניום איז דא? — האט זיא צו זיך אליין גירעט — ער איז גיקומען אהער שטרייטין מיט אונז? א איך דאנק דיר גאט וואס דוא האסט דעם ענגעל אהער געשיקט, יעצט זיינען מיר פון געפאהר זיכער, איך צווייפעלע ניט אז ער האט ערהאלטען מיין בריף אונ האט זיך בעמיהעט אליין אהער צו קומען אום מיין פאלק צו רעטען.

פטרוניוס איז דא? — האט זיא ווייטער געטראכט — אליעזר האט אים גיזעהען ביי אונז אין גארטען, אויף דעם היילינין פלאטץ וואו איך פלעג מיך מיט אים זעהען, דאס איז אבעוויז אז ער האט מיך נאך ניט פערגעסען, אז ער ליבט מיך נאך וויא פריהער, אך וויא גליקליך איך בין! נאר וואו איז ער, וויא דער לעב איך שוין אים צו זעהען.

זיא האט אן געהייבין צוא קלערין ווייא אזוא זיא זאל זיך מיט אים

זעהען , אהער צוא איר פאטער אין הויז וועט ער דאך געוויס ניט קומען , ער וועט פיליכט ערשיינען ביי נאכט אין דער געוואוינליכער שטונדע דארט ביי דעם ברונען ? יא ער וועט געוויס אהין קומען , דען ער מוז דאך פאר שטיין אז אליעזר האט מיר אן געזאגט אז ער איז דא , און ער ווייס אז איך וועל אים ביי דעם ברונען ערווארטען .

זיא האט שוין אן געהייבין צוא ציילין דיא מינוטין צוא דער שטונדע וועלכע פטרוניוס פלעגט קומען אין גארטען צוא דעם ברונען מיט איר זיך זעהען , מיא קאן זיך לייכט פארשטעלען וויא לאנג יעדע מינוט האט זיך אין אירע אויגען אויס געצייגין .

פטרוניוס איז דאמאלס צארניג פונם גארטען ארויס געגאנגען האט זיך געזעצט אויף זיין פערד און איז צוריק צו זיינע סאלדאטין געפליגין , וויא אנדערש דיא געגענד האט ביי אים אין דיא אויגען יעצט אויס גיזעהען , דיא געגענד וועלכע האט מיט אהאלבע שטונדע פריהער וויא אגן עדן פאר אים ערשיינט איז פלוצים אין אגיהנם פאר קערט געווארין , דאס זעלבע הארץ וועלכע וואר ניט לאנג פול מיט פריידע , גליק , און האפנונג איז יעצט פול געווארין מיט פינסטערע שאטען צווישען וועלכע אהאליש פייער האט גיברענט , דאס פייער פון קנאה .

ער האט אויס כעס ניט געוואוסט וואס צו טאן , און האט בעפוילען זיינע סאלדאטין זיא זאלין גיכער אין שטאט אריין גיין מיט בלויזע שווערדען אום אויף אלעמען אמורא צוא ווארפין , און ווען ניט זיין געבארענער עדלער קאראקטער וואלט ער געוויס שוין געהייסין מיא זאל דיא גאנצע שטאט פערוויסטען , און מיט אלע אירע איין וואוינער אנ׳ענדע מאכין .

אטויט שרעק איז באפאלין אלע איין וואוינער פון עכו , אלס זייא האבין דיא ראמישע סאלדאטען מיט בלויזע שווערדען אין דיא הענד גיזעהען אריין גיין אין זייער שטאט , זייא זיינען אפילו רוהיגר געווארין אלס זייא האבין ערפאהרען אז אן שטאט קילירן איז געקומען זייער באקאנטער פטרוניוס , נור אלס זייא האבין פטרוניוסן דער זעהען . איז זייא דאס גאנצע בלוט אין דיא אדערין פאר קילט געווארין , ער האט אויס גיזעהען וויא אראכענדער ענגעל , ער האט אויף אלעמען מיט ווילדע פייעריגע בליקען געקוקט , און האט אפילו ניט גיענטפערט אויף זייער גערוס .

ער איז מיט זיינע סאלדאטען אריין געגאנגען אין דעם טהורעם

װעלכער איז געבױט געװארין מאקי פאר דיא ראמישע מיליטער , אונ אלס ער איז אריין געקומען אין דער פרעכטיגער קװארטיר װעלכע װאר שוין גרייט פאר אים , האט ער זיך פאר געסין אפילו זיינע רייזע קליידער פון זיך אראפּ צו װארפין , אונ איז פערטיפט אין געדאנקען ארום געלאפין הין אונ צוריק איבער דעם גרױסין צימער , זיין כעס האט נאך אלץ אין אים װיא אהאליש פייער גיברענט .

אונ ער האט װירקליך געהאט פאר װאס צארניג צוא זיין , ער האט אלע זיינע ראמישע פערגעניגען , זיינע בעסטע פריינד , אונ זיין עהרענשטעלע פערלאזט , ער איז געפארען אזא װייטע שװערע װעג דורך װיסטעניען , אונ דורך דעם ים אום זיין טייערע געליבטער מאסאלינען צוא זעהען , אונ צום סוף האט ער גאר דא געטראפין אירען אחתן .

דיא זאכע איז שוין לאנג אין איר שלאפצימער אריין געגאנגען , אונ דיא נאכט האט פערדעקט מיט איר שװארצען פינסטערין שלייער דיא שטאט עכו , אונ נאך איז פטרוניוס אין זיין צימער הין אונ צוריק ארום געגאנגען , דער בעדינטער האט געמאכט פייער אין צימער אונ פטרוניוס האט דאס װיא ניט בעמערקט , אונ אויף דעם בעדינטענס פראגע צו פערלאנגט ער עפּעס עסין האט ער גאר ניט גיענטפערט .

װאס ער האט געטראכט ארום לייפענדיג איבער דעם צימער ? האט ער אליין זיך קיין רעכענונג גיקאנט אב געבין , עפּעס איז ער אויף דער גאנצער װעלט גיװען אין כעס , אים איז קיין זאך ליב גיװען זאגאר זיין אייגענעם לעבין האט אים זייער ביטער אונ לאסטיג אויס גיזעהען , ער װאר װיא אגליקליכער מענטש װעלכער האט אין איין מאמענט אלעס װאס ביי אים װאר ליב אונ טייער פאר לארין .

גענעראל איינע מעדכען בעט ערלויבנים מיט אייך צו שפּרעכען — האט אים דער בעדינטער פלוצים געמעלדעט .

איינע מעדכען ? — האט פטרוניוס אונפריינדליך געפרעגט — װער איז זיא ?

איך װייס ניט , איך האב זיא זאגאר ניט גיזעהען , דען זיא גייט פאר דעקט מיט אגעדיכטען שלייער , נאר פון איר שטימע האב איך ערקאנט אז זיא איז איונגעס מעדכען .

אמעדכען בעט ערלויבנים מיט מיר צוא שפּרעכען ? — האט פטרוניוס װיא צוא זיך אליין גירעט — אונ אין אזא צייט ? ניין איך נעם

יעצט קיינעם ניט צו, גייא פרעג זיא פריער ווער זיא איז און וואס באדארף זיא צוא מיר;

דער בעדינטער איז ארויס געגאנגען, און אין איניגע מינוטען איז ער צוריק געקומען מיט דיא ווערטער: זיא וויל ניט זאגין וואס זיא באדארף צוא אייך גענעראל, זיא האט מיר נור געהייסין אייך מעלדען אז איר נאמען איז מאסאלינא.

פטרוניוס האט אשפרונג געטאן אין דער הויך.

מאסאלינא? — האט ער ניט מיט זיין שטימע געפרעגט.

יא גענעראל מאסאלינא.

פטרוניוס האט זיך פערצווייפעלט אווארף געטאן אויף אשטול, „אהא!‟ האט ער זיך געקלערט, זיא האט ערפאהרען אז איך בין געקומען וויל זיא מיך פארזענליך נארין מיט איר גלאטע רייד, זיא וויל נאך פילייכט מיך איין שמועסין אז זיא האט נאך גאר־קיין חתן, אום מיר דעם קאפ צוא פאר דרייען איך זאל אירע יודען רעטען, איך מוז איר אבער ווייזען אז איך בין ניט אזא יונגעלע וואס לאזט פון זיך חוזיק מאכין, זיא מוז פון מיר יעצט דעם ערשטען אוראק בעקומען.

פיר זיא ארייין אהער — האט ער דעם בעדינטען בעפוילען:

דער בעדינטער איז אבערמאלס ארויס געגאנגען, און פטרוניוס האט זיך געזעצט שטאלץ אויף זיין שטול, ער האט זיך בעשלאסין אז ער זאל מאסאלינען אויף נעמען אזוי שטרענג מאכי וויא אשטרענגער ריכטער, ער זאל זיא אפילו זיטצען ניט בעטין.

באלד האט זיך דיא טיר גיעפינט און אפערשלייערטע דאמע איז אריין געקומען, זיא האט דעם שלייער געשווינד אראפ גענומען, און קוים האט פטרוניוס דער זעהען פאר זיך זיין שיינע מאסאלינא וועלכע איז אין דיא דרייא יאר נאך שענער געווארין, האט ער גאר פערגעסען דאס וואס ער האט זיך ניט לאנג בעשלאסין, מיט אקלאפפענד הערץ איז ער פון זיין ארט אויף געשפרונגען, און מיט אגעשרייא מיינע ליבע מאסאלינע האט ער זיא אין זיינע הענד ערגריפען און האט איר געזיכט מיט הייסע קיסע בעדעקט.

פטרוניוס מיין ענגעל! מיין נשמה! — האט מאסאלינא וויינענד געזאגט זיך צודריקענד פעסטער צוא זיין ברוסט — איך האב דיך ערווארטעט אין גארטען, נעבען ברונען, איך האב געמיינט אז דוא וועסט אהין קומען זיך זעהען מיט מיר.

דיא וואַרהייט מוז איך דיר מאסאלינא זאָגען אַז איך האָב מיך שוין ניט גירעכינט מיט דיר צוא זעהען ·

וואָס ? — האָט זיא ערשראָקען געפרעגט — דוא האָסט זיך מיט מיר ניט געוואָלט זעהען ?

יאַ מאסאלינא, איך געשטעהע דאָס דיר, ווייל איך האָב גיהערט · · · ·

דוא האָסט געוויס געמוזט הערען אַז איך האָב שוין אַחתן — האָט זיא לאַכענד געזאָגט ·

איך האָב דאָס גיהערט, אונ פון אַנגעוויסען מענטשען ·

נאָך פון אַנגעוויסען מענטשען ? איך גלויבע אַז מיין גישוועסטער קינד אֶליעזר האָט דאָס דיר זעלבסט געמוזט זאָגען אַז ער איז מיין ברויטיגאַם, ווייל ער ערצעהלט דאָס יעדען ·

אָבער דאָס איז ניט וואָהר ? — האָט ער מיט שטראַהלענדע אויגען געפרעגט ·

ביא דיר איז נאָך גיווען אַצווייפעל צו דאָס איז אַליגען — האָט זיא פערדרוספאַל געזאָגט — אויב אַזו מוז איך דיר זאָגען מיין ליבער פּטרוניוס אַז דוא קאָנסט נאָך ביין מאסאלינען ניט, איך האָב מיך איין מאָהל בעשלאָסען ביינע צו זיין, אָדער קיין מאָהל אין לעבען צו הייראַטען, אונ דאַבייא האַלט איך מיך יעצט אויך, מיין נעפּפע אֶליעזר שדכינט זיך צו מיר שוין דרייא יאָהר, אונ מיין פאָטער איז שוין מיעד געוואָרין רייעדענדיג מיט מיר איך זאָל זיינע פרויא ווערדען, אָבער מיין בשלום וועט ביא מיר זיך קיין מאָהל ענדערין ·

מיינע גאָטטין ! — האָט פּטרוניוס ענטציקט געזאָגט זיא אומ־אַרמענד — דוא האָסט מיט דיין יעצטיגעם קומען אַנייע לעבען פאַר מיר געבראַכט, איך בין שיער פון זינען אַראָפּ פאַר כעס אונ פאַר פערדרוס, אָ איך דאַנקע ! איך דאַנקע דיר !

איך האָב אפילו באַדאַרפט זיין אויף דיר אין כעס דערפאַר וואָס דוא האָסט אין מיין געטרייאשאַפט געצווייפעלט — האָט זיא שמייכלענד גיענטפערט — נאָר קאָן איך זיין אויף דיר אין כעס, אויף דיר וואָס דוא ביזט מיין איינציגער זאַנגענשטראַהל, איך פערצייהע דיר דאָס מאָהל, אָבער מיט דעם בעדינג אַז ווייטער זאָלסט דוא אַזעלכע זאַכין אויף מיר ניט גלויבען ·

איך וועל שוין ניט גלויבען מיינע טהייערע, נאָר זאָג מיר וואָס קאָן

יעצט ווערין , דיין פאטר וועט זיך דאך געוויס יעצט אויך ניט בעשליסען איינצוווילליגען צו אונזער פערבינדונג .

ער וועט מוזען איינווילליגען , דען דוא ביזט יעצט אונזער רעטער , איך גלויבע אז דוא וועסט מיינע ארעמע ברידער יעצט רעטען פון זייער קריטישער לאגע , אונ פון דעם מענטשען וואס אין זיין האנד ליגט דאס גליק פון זיין פאלק וועט מיין פאטער זיך ניט ענטזאגען איהם פאר זיין זאהן אנערקענען .

איך מוז דיר זאגען מאסאלינא , אז איך קאן מיך קיין ראטה געבען וואס איך זאל יעצט מיט דיין פאלק טאהן — האט פטרוניוס נאכדענקענד געזאגט — דער קייזער האט מיר שטרענג בעפאהלען איך זאל זיין בילד אין אייער טעמפעל אריינשטעלען , אדער אלע יודען פערניכטען , אונ ווען איך וועל זיין בעפעהל ניט טאן קאן איך אגרויסין פסק בעקומען ;

וועגען דעם בעפעהל זאלסט דוא גאר פערגעסען פטרוניוס , ניט דו וועסט דעם קייזערס בילד אריינשטעלען , אונ ניט דו וועסט מיינע ברידער שלעכטס טאן , דו בעקלער נור אמיטעל וואס צו ענטפערין דעם פאלשען גאט אלס ער וועט פון דיר רעכנונג פאדערן .

ערשטינס — האט פטרוניוס געזאגט — מוז איך אלע קרעפטע אנווענדען דיין פאלק צוא בעוועגען זיי זאלין דעם קייזערס בילד אין זייער טעמפעל אריינשטעלען .

דאס איז אומזיסט , דוא וועסט דאס ניט אויספיהרען .

איך ווייס אז עס איז אומזיסט , אבער פרייוען מאג איך דאך זיך , אום דער קייזער זאל הערען אז איך האב מיך חאטש וויפיל עס איז געפרופט איהם געהארזאם צו זיין , אונ ווייטער וועלין מיר שוין זיך מישב זיין וואס איך זאל טאן .

אבער דוא וועסט מיין פאלק דאס מינדעסטע שלעכטס טאהן פטרוניוס ?

קאן איך זייא דען שלעכטס טאהן אז דוא ביזט איינע פון זייא — האט פטרוניוס מיט אגליקליכען שמייכעל געזאגט — ניין ! אזא פאלק וואס קאן שאפין אזא בורליאנט וויא דוא ביזט , אזא פאלק מוז מען שאטצען . אכטען , אונ עהרען , אזא פאלק מוז מען ליבען . איך וועל אלע מיינע קרעפטע אנווענדען דיינע יודען פון אונגליק צו שיטצען .

איך דאנק דיר מיין ליבער טהייערער פטרוניוס ! — האט מאסאלינא

(אמענמש) געמציקט

ענטציקט אויסגעשריען פאלענד איהם אום דעם האלז און האט איהרע זיסע ליפעלאך צוא זיינע אויף אלאנגע צייט צוגעקלעבט .

ח

אמחותן אום פאטריאטיזם .

וויא אבליטץ איז אין אקורצער צייט איבער אלע יודישע שטעדט דורכגעפליינגען דיא נאכריכט אז פטרוניוס מיט דרייא לעגיאנען ראמישע סאלדאטען זיינען אנגעקומען און עכו און זייער ציעל איז דאס הייליגע בית המקדש פעראונריינעגען מיט קאיוסעס בילד .

וואס פאר אנ'איינדרוק דיא נאכריכט האט געמאכט אויף אלע אידישע הערצער דאס איז אונמאגליך צו בעשרייבען , עס האט פלוצים אלעס אויפגעהערט , דיא סוחרים האבען אויפגעהערט צוא האנדלען , די ערדארבייטער האבין אוועקגעווארפין זייערע פעלדער חאטש דאמאלס וואר גראדע דיא צייט פון פערזייען , קיינער האט זיך מיט קיין זאך בעשעפטיגט און מיא האט נור גירעדט וועגען דעם אונגליק וואס דעם לאנד שטעהט פאר .

אין ירושלים האבין זיך דיא גרעסטע מענער צוזאממענגעקליבען אויף אנ'אסיפה און ביי זייא איז געבליבען , זייא זאלין צו פטרוניוסן שיקען אדעפוטאציע פון דיא גרעסטע פארנעהמסטע מענטשען , וועלכע זאלין איהם ערקלערין אז קאיוסעס בילד קאן פאר קיין אופן אין דער וועלט אין בית המקדש , זאגאר אין ירושלים , אריינגעשטעלט ווערין , דען אלע אידען וועלין דאס ניט דערלאזין כל זמן זייא וועלין אטהמען די לעבענס-לופט .

טויזענד מאן פון דיא גיעהרטעסטע דעם פאלקס האט מען צו דער דעפוטאציע אויסגעקליבען , און מיא האט זייא געשיקט נאך עכו צוא פטרוניוסן .

אין עכו האבין זיך צוא דיא שלוחים אויך דיא פארנעהמסטע איינוואוהנער פון דער שטאט פעראייניגט , געוואונליך וואר צווישען אויך אבינדב , און אלע זיינען זייא געגאנגען צו דעם ראמישען דעליגאט וואס אין זיינע הענד ליגט יעצט זייער גליק און אונגליק .

פטרוניוס האט דערווייל גאר פערגעסען וועגין וואס ער איז אהער

געקומען, ער האט זיך אין גאנצען איבערגעגעבען צו זיין געהיימער ליבע, אלע נאכט פלעגט ער בעזוכען אבינדבם גארטען וואו מאסאלינא האט איהם שוין ערווארטעט, אונ דארט פלעגט ער מיט איהר פערברייגגען ביז האלבע נאכט, זייא פלעגין ביידע גאר ניט פיהלען וויא דיא שטונדען פליהען איבער, זיי זיינען ביידע וויא בערוישט געוועזען פון זייער פייעריגער ליבע.

אלס דיא יודישע שלוחים האבין זיך געלאזט בייא איהם מעלדען, איז ער צו זייא ארויסגעגאנגען מיט איינער ערנסטער מינע, אונ האט געזאגט שטרענג: איך ווייס וועגין וואס איהר זענט צו מיר געקומען, איהר ווילט מיך געוויס בעטין איך זאל קאיוסעס בילד אין אייער בית המקדש ניט ארייגשטעלען, איך מוז אייך אבער זאגען אז ווען איך זאל אפילו דאס וועלין טאהן קאן איך אויך ניט, דען דער קייזער האט מיר שטרענג בעפאהלען איך זאל אייער טעמפעל פערצירען מיט זיין בילד, אונ זיינע ווערטער קאן איך ניט דאגעגען זיין, אונ אייך ראטהע איך וויא אגוטער פריינד איר זאלט פאר ליב זיין בעפעהל אננעמען, איהר פערשטייט דאך אליין אז טשעפען זיך מיט דעם ראמישען קייזער איז קיין קלייניגקייט, ער איז דאך דער וועלט הערשער אין זיין מונד ליגט דאס לעבען אונ דר טויט פון מיליאנען מענטשען.

מיר ווייסין דאס גאנץ גוט — האט דיא פארשטייער פון דיא שלוחים געענטפערט — בייא אונז איז אבער רעכט אלע וויא איין מענטש צוא שטערבען, דיא גרעסטע יסורים צו ערטראגען אבי אונזערע אויגען זאלין ניט זעהען אין אונזער היילינען טעמפעל דאס בילד פון אן'אנדער גאט, דען מיר גלויבען אן איין איינציגען וועלטשעפער וועלכער זיצט אין זיינע אונערמעסליכע הימלען אונ הערשט איבער דר גאנצע וועלט אונ איבער אלס וואס אויף דער וועלט געפינט זיך, אונ קיין אנדער גאט אויסער אים וועלין מיר ניט דינען ווען מיר זאלין אפילו וויסען אז מיר וועלין דאפיר מיט אונזער לעבען בעצאהלען, אבעוויז האסטו אז'אונז אינטערעסירט שוין קיין זאך, דאס וואס זאגאר אונזערע פויערן (ערדארבייטער) האבין זייערע אקער אוועקגעווארפין אונ ווילען זייערע פעלדער ניט פערזייען האטש זייא ווייסין אז זייא וועלין מוזען פון הונגער שטערבען.

איהר זעהט דאך אבער אז אלע פעלקער האבען מיט פערגעניגען דעם קייזער ערקאנט אונ אנגענומען פאר אגאט? — האט פטרוניוס געזאגט.

מיר זיינען אבער ניט גלייך צוא אלע פעלקער – האט אבינדב געענטפערט – דען זייא האבין אסך גאטער מאכט זייא ניט אויס אז זייא וועט צוקומען נאך אגאט, מיר אבער דינען בעשטענדיג נור צוא איין גאט, דארום איז יעדער אנדערער פאר אונז איבעריג.

ווילט איהר וויא איך זעה מורד זיין אן דעם ראמישען קייזער? – האט פטרוניוס געפרעגט.

בעהיטע גאט! – האט אבינדב געענטפערט – מיר זיינען דעם ראמישען קייזער געטרייע קנעכט, האסט דאך אבעוויז אז צווייא מאהל אין טאג זיינען מיר מקריב קרבנות פאר זיין געזונד, נור צוליב אים זאלין מיר אונגעטרייא ווערין אונזער גרויסין גאט, דאס קאן ניט זיין און עס וועט ניט זיין, און איך זאג דיר פריהער אז דוא וועסט פריהער ניט אריינ-שטעלען דעם קייזערס בילד אין אונזער בית המקדש וואו דוא וועסט אלע יודען ביז דעם לעצטען טויטין, דען אלע זיינען פערטיג פאר זייער גאט צוא שטערבען.

וואס זשע קאן איך אייך דא העלפין – האט פטרוניוס געזאגט – איר ווייסט דאך אז ניט איך וויל אזא זאך טאהן, דאס וויל דער קייזער, ער האט מיך אהער געשיקט, און ווען איך וועל איהם ניט פאלגין וועט ער זיין גאנצען כעס אויסגיעסען אויף מיר.

מיר ווייסין דאס זעהער גוט – האט אבינדב געענטפערט – אבער דוא קאנסט געפינען אתירוץ פאר דעם קייזער ווען דוא וועסט ווילין, און אויב אין דיר ברענט איין פונק מענטשליכקייט וועסטו בייא זיך אליין ניט רעכט מאכין צוא מאכין אתל פון מיליאנען מענטשען צוליב דעם קייזערס אפוסטע פאנטאזיע.

פטרוניוס האט איינינע מינוטן געטראכט און האט נאכהער געזאגט: מיט דיר אבינדב האב איך עפעס צוא ריידין, איך האב אשטיקעל עצה וויא אייך צוא רעטען, קום נור אריין צוא מיר אין צימער וועלין מיר זיך רעגען דעם מישב זיין.

יעדעס הערץ איז פראהליכער געווארין אלס פון פטרוניוסעס מונד זיינען דיא ווערטער ארויסגעגאנגען, און אבינדב איז געשווינד מיט איהם אריינגעגאנגען אין זיין צימער.

הער נאר אויס אבינדב – האט פטרוניוס צו איהם געזאגט אלס זייא זיינען ביידע אין צימער אריינגעקומען – דוא פערשטעהסט דאך וואס פאר אשטראפע מיך ערווארטעט ווען איך וועל אויף אייך רחמנות האבין,

דער טיראנישער קאיוס וועט אויס כעס פערגעסען אז נור מיר אליין האט ער צוא דאנקען דערפאר וואס ער האט דעם ראמישען קייזערליכען טראהן בעשטיגען, אונ ער וועט מיך בעהאנדלען ניט בעסער וויא ער האט בעהאנדעלט דעם גרעסטען טהייל פון זיינע בעסטע פריינדע, נור פון דעסט וועגין וועל איך מיין לעבין איינשטעלען, אונ וועל מיך פרובירען דיינע ברידער צוא פערהיטען פון אונגליק, אונ דאס ווענדעט זיך נור אן דיר אליין.

אן מיר? — האט אבינדב העכסט פערוואונדערט געפרעגט.

יא אבינדב אן דיר, איך האב ביי דיר געזעהען אטהייערן בורליאנט, קאנסטו מיר אים אוועקשענקען, וועל איך אלעס טאן וואס מיין מעגליכקייט וועט נור זיין.

ביא מיר האסטו אטייערין בורליאנט געזעהען? — האט אבינדב גיפרעגט — איך קאן דיר אלע מיינע בורליאנטען אוועק שיינקען אויב דוא ווילסט.

ניין אלע דיינע בורליאנטען בדארף איך ניט, איך בדארף נור דעם וואס איך זאג דיר.

איך ווייס דאך ניט וועלכען בורליאנט דוא מיינסט, זאג מיר נור ווען האסטו אים ביא מיר געזעהען.

איך האב אים געזעהן מיט דרייא יאר צוריק אלס איך וואר לייטענאנט דא אין עכו, אונ פון דאמאלס אן קאן איך אים ניט פאר געסין, ער הייסט מאסאלינא.

אבינדב איז וויא פון אדאנער שלאג פלוצים שטעהען געבליבען, ער האט ערשראקין אויס געגלאצט דיא אויגין אויף פטרוניוסן אונ האט אוואָרט ניט גיקאנט ריידין.

וואָרום האסטו זיך אזוי ערשראקין? — האט פטרוניוס לאכענד גיזאגט — דוא קאנסט זיך ניט בעשליסען אב צו געבין דיין טאכטער פאר ארעמער, האט דען אייער קעניג אגריפוס ניט חתונה גימאכט זיין טאכטער דירוסולא מיט אלכסנדר טיבריוסן וועלכער האט אנגענומען אונזער גלויבען? אדער דוא האסט פיליכט מורא אז דיין טאכטער וועט פאר מיר ניט גליקליך לעבין, זעהסטו וועגען דעם קאן איך דיך ברוהיגין, אז זיא וועט פאר מיר וויא איינע פירשטין, וויא איינע קייזערין לעבין, דען איך ליב זיא אונענדליך, אונ דער גליקליכסטער אין דער וועלט וועל איך זיין ווען מאסאלינא וועט זיין מיינע פרויא, אונ דאס פערשטייסטו דאך

אז קוים בין איך דיינער אשוויעגערזאהן, וועל איך דיין פאלק וויא מיינס בעטראכטען, אונ וועל אלע יודען פון אלע אונגליקען פערהיטען.

איך וועל דיר זאגין דיא וואהרהייט געגעראל — האט אבינדב נאך אלאנגעס נאכדענקען גיענטפערט — אב געבען מיין איינציגע טאכטער פאר אמענטשין פון אנ'אנדער רעליגיאן הייסט ביא מיר אזוי פיעל וויא לייקענען אן מיין גאט וועלכער האט אונז אין זיין היילינער תורה פערזאגט מיר זאלין אונזערע קינדער ניט פערמישען מיט קינדער פון אנדערע אמונות, נור אזוי וויא דא האנדעלט זיך וועגען דער רעטונג פון מיין פאלק, אונ וועגין דער עהרע פון אונזער היילינען טעמפעל, האב איך ניט דאס רעכט דיר צו ענטזאגען, איך בין פערטיג דיר מיינע ליבע טאכטער אב צו געבען, איך וויים אבער ניט צו זיא וועט זיך בעשליסען צו זיין אפרויא פון ארראמער.

אויב זיא וועט ניט וועלין מיינע פרויא זיין דאן האב איך צו דיר גאר ניט, נאר איך רעכין אז אזוי וויא ביא דיר איז דיין נאראד אונ דיין טעמפעל טייער, אזוי מוזען דיא זאכין ביא איר אויך טייער זיין, אונ איך צווייפלע ניט אז זיא וועט זיך בעשליסען מיינע פרויא צו זיין.

נוא דאס איז שוין אב גימאכט — האט אבינדב גיזאגט — איך אליין וועל אלע מיינע קרעפטע אנווענדען מיינע טאכטער זאל מיט דיר הייראטען, נור מיט דעם בעדינג אז דוא זאלסט פון אונז פערטאגין דיא געפאהר וואס אונז שטייט פאר דיא אויגין.

וועגען דעם קאנסטו זיך שוין אויף מיר פערלאזין — האט פטרוניוס גיענטפערט — גייא זאג דיינע ברידער אז זייא זאלין זייערע פעלדער בעארבייטען, אונ זאלין זייערע געשעפטע ווייטער טרייבען. איך וועל דעם קייזערס בילדער ליבערסט פערברענען אלס זייא אין אייערע שטעט אונ אין אייער טעמפעל צו ברייננען, אונ קיינער פון מיינע סאלדאטין וועט וועגען דאס מויל צו עפענען געגען אייגעם פון אייך.

אבינדב איז ארוים גיגאנגען אונ האט פטרוניוסעס ווערטער דיא שלוחים איבער גיגעבין, אלע זיינען העכסט ערפרייעט געווארין, אונ האבין זיך צוריק נאך ירושלים אומגעקערט מיט דער גוטער בשורה.

גאר אבינדב האט זיך ניט גיקאנט רעכט פרייען מיט דער ישועה, דער געדאנק אז זיין איינציגע ליבע טאכטער וועט מוזין זיין דיא פרויא פון אראמער האט אים וויא מיט שפיזען אין הארצין געשטאכין. ענדליך האט ער זיך אבער איבערלייגט אז דאס איז גאר ניט אזוי שרעקליך וויא אים

האט אנפאנגס אוים גיזעהען, ער האט זיך דערמאהנט אז פיעלע גרויסע יודישע מענטשין האבין זייערע טעכטער אונ פערוואנדטע פערזאנען פרייאווילליג פאר מענטשין פון פרעמדע רעליגיאנען אב געגעבין, וויא צום בייא שפיל, מרדכי האט זיין גישוועסטער קינד אסתר פאר דעם קעניג אחשורוש אב געגעבין אונ דער קעניג שלמה האט געהייראטהעט מיט פרעה דעם קעניג פון מצרימס טאכטער, אבינדב איז ענדליך בייא זיך שטאלץ געווארין דאמיט וואס דורך זיין טאכטער וועט דער בית המקדש ניט פאר אונריינינגט ווערין, אונ יודיש בלוט וועט ניט פאר גאסין ווערין.

פטרוניוס האט באלד אוועק גישריבען אלאנגען בריף צו דעם קייזער קאיוס, ער האט אים פארגעשטעלט דיא פערצווייפלונג פון דיא יודען, וויא מיא וועט אנדערש זיין בילד ניט קענען אריינשטעלען אין בית המקדש וואו מיא וועט פריער אלע יודען ניט אויס קיילען, ער האט דעם קייזער געוויזין ארעכענונג אז אים לוינט ניט אזא רייכע לאנד חרוב צו מאכין ווייל דיא יודען ברייגגען אריין יאהרליך זייער פיל גאלד אין זיינע אוצרות, אונ האט אים גיבעטין ער זאל אויף זייא רחמנות האבין אונ זאל זיין באפעהל צוריק נעמען, אין דעם בריף האט ער אויך דיא יודען מיט דיא שענסטע פארבין אבגעמאהלט, אונ האט פאקטיש דעם קייזער באוויזין אז זייא זיינען אטייער פאלק אונ זיינען זייער נוצליך דיא ראמער.

ט

רעטטונג אונ חרטה.

אין גאנץ ראם האט מאן גירעט פון דעם זעלטענעם באל וואס אגריפוס דער יודישער קעניג האט געמאכט לכבוד דעם קייזער קאיוס, מיא האט ערציילט אז נאך קיין קייזער האט אזא רייכען באל געמאכט צייט ראם איז דיא רעזידענציע פון איטאליע.

ווערהרענד אלע יודען אין יהודה זיינען פערצווייפעלט אונ ערשראקען ארומגעגאנגען, איז דער קעניג אגריפוס ניט ווייניגער פון זייא בייא זיך אין לאנד פערצווייפעלט גיוועזען, דעם קייזערס בעפעהל מיא זאל זיין בילד אין דעם היילינען בית המקדש אריינשטעלען האט אים וויא אדאנער געטראפען, אונ ער איז פון עגמת נפש אהיבשע צייט קראנק גיוועזען, מיר

ווייסין שוין וואס ער האט גיענטפערט דער יודישער דעפוטאציע וואס דיא ראמישע יודען האבין צו אים געשיקט, ער האט זיך דעם קאפ צו ברעכין קלערענדיג עפעס אמיטעל וויא אזוי מבטל צו זיין דעם קייזערס באפעהל, ער האט אבער קיין עצה געפונען, אונ האט זיך נאך אלאנגען ישוב הדעת בעשלאסען צו אנעפאהרפאלען שריט.

ער איז געפארען נאך ראם באלד וויא ער איז געזונד געווארין, דארט האט ער ערפאהרען אז דער קייזער האט ארויס געשיקט פטרוניוסן מיט דרייא לעגיאנען סאלדאטען נאך דעם לאנד יהודה, ער זאל מיט גוואלט זיין בילד אין בית המקדש אריין שטעלין, אגריפוסן האט דאס גיברענט וויא אפייער, אונ ער האט בייא זיך געשווארין ער זאל פון דעם פאלשין גאט ראכע נעמען.

נאר איידער ער האט זיך גינומען צו זיין פלאן: ראכע נעמען פון דעם פאלשין גאט, האט ער זיך בעשלאסען פריווען פילייכט וועט ער מיט גוטין קאנען אוים פירען אז קאיוס זאל זיין באפעהל צוריק רופען.

ער האט גימאכט אבאל לכבוד דעם קייזער, אונ אבוואהל ער האט גיוואוסט אז צייט קאיוס איז געווארין קייזער איז ער בייא זיך זייער שטאלץ געווארין, אונ בעהאנדעלט זיינע אלטע גוטע פריינד זייער קאלט, דאך האט ער געהאפט אז צו אים אויף אבאל וועט דער פאלשער גאט גיין, דען ער האט אים איין מאל פערשפראכין אז ער וועט אים בעעהרן מיט אבעזוך.

אגריפוס האט שכל געהאט צו מאכין אזא באל וואס ראם האט נאך אזעלכעס ניט גיזעהען, דא האט ניט געפעהלט וואס נור דאס אויג קאן געלוסטען צו זעהען אונ דער מאגען צו עסין אדער צו טרינקען, אונ ער אליין איז גינאנגען צום קייזער אים בעטין אויף דעם באל, ער האט אום קאיוס זאל אים ניט ענטזאגען אנגעהייבין מיט דיא ווערטער: קייזערליבע מאיסטעט געשטיצט אויף דיין פערשפרעכונג וואס דוא האסט מיר גיגעבין פאר אלע סענאטארין אין דיא אויגען אז דוא וועסט מיר מאכין אבעזוך, האאב איך היינטע נור דיר צו עהרע אבאל גימאכט, אונ איך בין פערזיכערט אז דוא וועסט ערשיענען בייא מיר אינהויז צו הערען דיא טויזענדער ברכות וואס מיא וועט דיר געבין טרינקענדיג אויף דיין געזונד.

דער קייזער האט אים ווירקליך ניט גיקאנט ענטזאגען, אונ האט אים פערשפראכין צו קומען מיט דער קייזערין.

בייא נאכט וואר דער פרעכטיגער זאל אין וועלכען דער באל איז

געגעבען געוואָרין בעליכטעט פון טויזענדער קערצען, אונ די גרעסטע פירשטען אונ אלע קעניגע וואס וואָרען דאמאלס, גראדע אין דאס זייגען דא גיוועזען, דער קעניג אגריפוס האט געוואוסט וויא יעדען פון זייא צוא בעהאנדלען זא דאס אלע וואָרען העכסט צופרידען.

ענדליך איז אויך דער קייזער אליין מיט זיין פרויא געקומען, אונ מיט זיין ערשיינונג איז עפעס וויא אמרה שחורה אין דעם פראהליכען זאל אנגעקומען, דען דיא אלע געסט וואס וואָרען דא האבין אים געהאסט וויא מיא באדארף האסען אטיראן וואס שפיעלט זיך מיט טויזענדער נשמות.

אגריפוס האט דאס בעמערקט, אונ אים איז זייער ביטער געוואָרין, דען ער האט מורא געהאט אז דיא מרה שחורה וועט איבער גיין אויף דעם קייזער אליין אויך. ער האט דארום פעראָרדנעט מיא זאל זיך נעמען צוא דיא פאלע פלאשען וויין וועלכע האבין זיך גיפערילט אין דיא גאלדענע בעכער;

דיא אלע געסטע וואס זייגען דא גיוועזען האבין געמוזט טרינקען אויף דעם קייזערס געזונד, אונ קוים איז דער וויין אין זייא אריינגעקומען איז באלד מונטערער געוואָרין.

דער קייזער וועלכער וואר זייער צופרידען פון דיא פיעלע ברכות אונ קאמפלימענטין מיט וועלכע מיא האט אים פון אלע זייטען פערשאטען, וואר יעצט אויך אין גוטער לוינע, ער האט גאר פערגעסין אז ער איז אנאט, אונ האט געטרונקען וויין וויא אזינדיגער בשר ודם, דער קעניג אגריפוס וועלכער האט דאס בעמערקט וואר שטארק צופרידען דער פון.

אלס קאיוס איז שוין רעכט לוסטיג געוואָרין, האט ער צו גערופען דעם קעניג אגריפוס אונ פאר אלע געסט אין דיא אויגען האט ער געזאגט: דוא ווייסט דאך אגריפוס וויא טייער דוא ביסט פון שטענדיג אן ביא מיר, איך האלט דיך אימער פאר מיין בעסטען טרייעסטען יוגענדפריינד, איך האב מיך יעצט דערמאהנט אז איך בין דיר נאך אבעל חוב, אונ איך וויל דיר דעם חוב יעצט בעצאהלען

דוא קייזער ביסט מיר אבעל חוב? — האט אגריפוס פערוואונדערט געפרעגט.

יא מיין פריינד — האט קאיוס גיענטפערט — איך האב דיר נאך ניט גענוג בעצאהלט פאר דיא צרות וואס דוא האסט צוליב מיר געליטען אין

דעם אַסטראָג וואס טובעריוס האט דיך אַריינגעוואָרפֿין , זאָג מיר וואס פֿערלאַנגסטו פֿון מיר וועל איך דיר געבּין ·

קייזערליכע מאַיסטעט — האט אגריפוס גיענטפֿערט — דוא האסט מיר שוין בּעצאָהלט פֿאַר מיין קליינע דינסט וואס איך האבּ דיר ערצייגט הונדערט מאָל אַזוי פֿיל אַלס עס האט דיא ווערטה , אונ איך פֿערלאַנג מער ניט נור דאס דוא זאָלסט זיין געזונד אונ גליקליך ·

איך וויל אָבער דוא זאָלסט פֿון מיר עפּעס פֿערלאַנגען — האט דער קייזער גוטמוטהיג געזאָגט — דוא מאָגסט בּעטין וואס דוא ווילסט וועל איך דיר טאָן ·

אַז דוא גראָסער וועלטהערשער בּעפֿעהלסט מיר איך זאָל פֿון דיר עפּעס פֿערלאַנגען — האט דער קעניג אגריפוס גיענטפֿערט — וועל איך דיך בּעטין אַזאך : אויבּ דוא האסט מיך ווירקליך ליבּ אונ דוא ווילסט מיך גליקליך מאַכין זאָלסטו שרייבּען צוא פּטרוניוסן אין דעם לאַנד יהודה ער זאָל דיא יודען ניט צווינגען דיין בּילד אין זייער בּית המקדש אַריין צו שטעלען , דען זייער תּורה האט זייא שטרענג פֿערבּאָטין זייא זאָלין קיין בּילד אין זייער טעמפּעל אַריין שטעלען , אונ מיינע בּרידער דיא יודען זיינען אַזוי זייער תּורה איבּער געגעבּין אַז זייא זיינען פֿערטיג אַלע אין איין טאָג צו שטארבּין איידער טאָן פֿערקערט וויא זיא הייסט זייא ·

דעם קייזערס געזיכט האט זיך פֿערוואָלקענט אַלס ער האט אגריפוסעס ווערטער ערהערט , ער האט זיך אָבער געשעמט אים צוא ענטזאַגען נאָך דעם אַז ער אַליין האט אים פֿאַר אַלע געסט אין דיא אויגען פֿערשפּראָכין אַלעס צו טאָן וואס ער וועט פֿון אים בּעטין ·

דיר צוליעבּ וועל איך מיין בּעפֿעהל צוריק רופֿען — האט ער גיענטפֿערט מיט איינער ערנסטער מינע — איך שיק מאָרגין אַשליח צוא פּטרוניוסן ער זאָל שוין מיין בּילד אין דעם יודישען טעמפּעל ניט אַריינשטעלען ·

איך דאַנק דיר גרויסער וועלטהערשער ! — האט אגריפוס אויס געשריען פֿאַלענד אויף דיא קניע פֿאַר דעם קייזער אונ זיינע אויגין זיינען פֿול געוואָרין מיט פֿריידענטראָהנען — ווען דוא זאָלסט מיט מיר טיילען דיין גרויסע קעניגרייך וואָלסט דוא מיך אַזוי ניט בּעגליקט וויא מיט דער גנאָדע וואס דוא האסט מיר יעצט ערצייגט ·

דער קייזער האט געהאַלטען וואָרט אונ האט אויף מאָרגען געשיקט אַבּריף צוא פּטרוניוסן אין וועלכען ער האט אים געשריבּען אַז אויבּ ער

האט שוין זיין בילד אין דעם יודישען טעמפעל אריין געשטעלט זאל ער דארט שטיין בלייבען, נאר אויב ער האט אים נאך אהין ניט געבראכט זאל ער דיא יודען ניט צווינגען דאצו.

דער קעניג אגריפּוס האט פאר פריידע גאר ניט געוואוסט וואס צוא טאן, ער איז אבערמאלס דעם קייזער געווארין דער בעסטער גוטער פריינד, אונ איז פארטיג געוועזען פאר אים צוא לויפען אין פייער אונ אין וואסער.

זיין פריידע וואר אבער ניט פון לאנגען דויער.

אין צווייא טעג ארום נאך דער גליקליכער נאכט, האט קאיוס ערהאלטען פטרוניוסעס בריף, אין וועלכען ער האט אים בעשריבען דיא אונמעגליכקייט זיין בילד אין דעם טעמפעל אריין צוא שטעלין, דער פאלשער גאט האט גירעכינט אז פטרוניוס האט בייא דיא יודען געלד גענומען אונ דער פאר פערטהיידיגט ער זייא אזוי, אין זיין גרויסין כעס האט ער גאר פערגעסין אז פטרוניוס האט אים צו דעם קייזערליכין טראהן געבראכט, ער האט אויך פערגעסין דאסווארט וואס ער האט דעם קעניג אגריפּוס געגעבין פאר אלע קעניגע אונ פירשטען אין דיא אויגין אז ער וועט שוין דעם בעפעהל צוריק רופען, אונ ער האט זיך בעשלאסען פטרוניוסן הארט צוא בעשטראפין פאר זיין אונגעהארזאמקייט, אונ דיא יודען צו צווינגען זייא זאלין נור צו אים דינען.

די אורזאכע פון דעם חשד אויף פטרוניוסן וואר קילער דר יודענפיינד, דען צארניג דער פאר וואס פטרוניוס האט פון זיינע הענד דיא יודען גירעטעט האט ער באלד וויא ער איז אוועק געפארען אנגעהייבין אים צו גראבין בייא דעם קייזער, ער האט קאיוסן ערצעהלט אז פטרוניוס האט זיך אומיסטין אליין אויס גערופין אז ער וועט דיא מיסיאן איבער נעמען וייל ער האט געוואוסט אז פון אזא צופאל קאן ער זיינע טאשען מיט מיליאנען געלד אנפילען, דער קייזער וועלכער וואר שטארק איינגענלויבט אין פטרוניוסן האט קילירן ניט געוואלט גלויבען, נור יעצט אלס ער האט פטרוניוסעס בריף ערהאלטען האט ער אנגעהויבין צוא צווייפלען אין זיין יוגענדפריינדס געטרייאשאפט, דאבייא האט זיך ווייטער קילר אונטער גערוקט אונ האט דעם קייזער צוא פערשטיין געגעבין אז פטרוניוס האט בייא דיא יודען חאבאר גענומען, ער האט דעם פאלשען גאט אזוי אויפגערייצט אז ער האט באלד צו פטרוניוסן דיעזין בריף געשריבין:

(אמענטש)

ניעדערטראכטיגער

ניעדערטראכטיגער פטרוניוס !

דאס געלד וואס דוא האסט ביי דיא יודען גענומען האט דיר דיא אויגען פערבלענדעט דוא זאלסט ניט זעהען וואס פאר אשטראפע דיך ערוואַרטעט דער פאר וואס דוא ביסט אונגעהאָרזאם געוואָרען דיינעם גאט אונ דיין קייזער , דארום זאג איך דיר אן אז דיא מינוט וואס דוא וועסט מיין בריף ערהאלטען זאלסטו גיין נאך ירושלים אונ זאלסט מיין בילד אין דעם יודישען טעמפעלער אריין שטעלען , אונ ווען דאביי וועט פערגאסין ווערין דאס בלוט פון מיליאָנען מענטשין , ווען פון דעם גאנצין לאנד וועט מוזען ווערין אהויפען שטיינער זאל מיין בעפעהל געשעהן , אונ אויב דוא וועסט ניט טאן וויא איך היים דיר וועל איך דיר אזעלכע יסורים אן טאן וואס דיא וועלט וועט שוידערן נור הערענדיג פון זייא , איך וועל דיך אלס טוסטער פאר אלע מיינע אונטערטאהנען שטעלין זייא זאלין זעהען וויא באשטראפט עס ווערט דער מענטש וואס איז אונגעהאָרזאם זיין גאט אונ קייזער — קאיוס .

אויך דעם קעניג אגריפוס האט קאיוס געשיקט רופין אונ האט צוא אים ערנסט אונ שטרענג געזאגט : דוא האסט מיט דיין ביטע וואס דוא האסט מיר גימאכט פאר אלע מיינע קנעכט אין דיא אויגין באוויזין אז דוא פעראכטעסט מיך , אז דוא ערקאנסט מיך ניט פאר דיין גאט , איך האב דיך אפילו באדארפט גוט באשטראפין דער פאר , נור דאס מאל פערצייהע איך דיר , ווען דאס צווייטע מאל וועסטו אזא דומהייט טאן זאלסטו אויף פערצייהונג שוין ניט האפען , מיין פערשפרעכונג וואס איך האב דיר דאן געגעבין האב איך נור , אום דיך ניט צוא פערשעמען פאר דיינע געסט אין דיא אויגין דאס גיטאן , אבער איך האב פטרוניוסן שטרענג בעפאהלען ער זאל דיינע יודען צווינגען זייא זאלין געגען זייער ווילין צוא מיר אליין דינען .

ניעדערגעשלאגען , אונ העכסט פערצווייפעלט איז דער קעניג אגריפוס פון דעם קייזערס הויז ארויס גיגאנגען .

אויב אזוא — האט ער נאך אלאנגעס נאכדענקען צוא זיך אליין גיזאגט — וועל איך מיך יעצט נעמען צו אנאנדער מיטעל , איך וועל דיר ווייזען אז דוא ביסט אזא מענטש וויא אלע , אז דוא קאנסט אויך מיט זייער טויט שטארבין .

ו

דער ארמער פערליבטער .

קומענדיג אהיים פון פטרוניוסן האט אבינדב אריין גירופין זיין טאכטער צו זיך אין צימער , און האט מיט אטרויעריגע מינע געזאגט :

איך האב מיט דיר מיין קינד וויכטיגעס צוא ריידין , איך וועל דיר זאגין אזא זאך וואס דיך וועט דאס אנפאנגס שטארק ערציטערין , נאר אז דוא וועסט דאס גוט בעקלערן האף איך אז דוא וועסט מוטהיג און צוא פרידען אלעס ערטראגען .

דוא מאכסט מיך אונרוהיג פאטער — האט מאסאלינא ווירקליך אונרוהיג געזאגט — ערצייל מיר וואס פאר וויכטיגעס האסט דוא מיט מיר צוא ריידין .

איך קאם יעצט פון פטרוניוסן — האט אבינדב לאנגזאם אנגעהייבין צוא ריידין .

נוא ? — האט מאסאלינא געפרעגט און איז בלאס גיווארין .

איידער איך וועל דיר מיינע נייעס איבער געבין מוז איך דיך פרעגין דוא זאלסט מיר זאגין מיין קינד צוא דוא ליבסט דיין פאלק און דיין גאט ?

וואס איז דאס פאר אפראגע פאטער ? ווייסטו דען ניט אז איך בין וויא אלע יודען פערטיג מיין האלז פאר אונזער הייליגער תורה צוא שטרעקין .

איך וייס דאס , איך וייס אז דוא ביסט אהייסע יודין וויא דיינע מוטער , אבער וויא וואלט זיין ווען מיא זאל דיר ערנסט זאגין אז דוא זאלסט זיך אויפאפפערן פאר אונזער רעליגיאן וואלסטו געוואלט .

ווען איך זאל נור ויסען אז מיט מיין טויט וועל איך נוטצען ברייננען מיין פאלק און מיין לאנד , וואלט איך מיך געוויס פון קיין געפאהר ענטזאגט .

יא קינד מיינס — יעצט איז גיקומען דיא צייט וואס מיט דיין אונגליק קאנסטו גליקליך מאכין אלע דיינע רעליגיאנס ברידער .

מיט מיין אונגליק ? זאג דאך פאטער וואס מיינסט דוא מיט דיא ווערטער .

איך האב יעצט גירעט מיט פטרוניוסן , ער באשטייט אויף דעם ער

זאל דעם פאלשין נאטס בילד אין אונזער טעמפעל ניט אריין שטעלין ,
אבער מיט דעם בעדינג אז דוא מיין קינד . . . .

נוא זאג פאטער וארום ענדינגסט דוא ניט .

אז דוא זאלכט זיינע פרויא זיין — האט אבינדב קוים ארויס גירעט און האט גיקוקט מאסאלינען אין דיא אויגין זעהען וואס פאר אנאיינדרוק דיא ווערטער וועלין אויף איר מאכין , ער האט ערווארטעט אז זיא וועט ערשראקין פון איר ארט אויפשפרינגען , אז זיא וועט בלאס ווערין , און וויא גרויס וואר זיין ערשטוינען אלס ער האט גיזעהען אז מאסאלינא איז נור עטוואס רוטה געווארין , און האט שמהאפט דיא אויגין צו דער ערד אראפ געלאזט .

נוא וואס זאגסטו מיין טאכטער ? — האט אבינדב ווייטער גיפרעגט — בעשטייסטו אויף דעם זיין פטרוניוסעם פרויא ?

מאסאלינען איז גיוועזן זייער ביטער , זיא האט ניט גיקאנט נארין דעם פאטער און זיך מאכין וויא זיא האט גאר ביז אהער פטרוניוסן ניט געליבט , איר איז אבער אויך שווער גיוועזן אים אלעס מודה צו זיין , דען דער פאטער וואלט פערלארין יעדע אכטונג און פיליכט אויך זיין ליבע צוא איר , זיא האט זיך ענדליך בעשלאסין דאס איינציגע מאל איר הארץ פאר דעם פאטער ניט צוא עפענען , און זיא האט קאלט גיענטפערט : ווען דאדורך קאנען מיינע ברידער פון אונגליק גירעטעט ווערין וועל איך אלעס , אלעס טאן .

איך דאנק דיר מיין טייער קינד — האט אבינדב גיזאגט איר אקושטאנדיג אין שטערין און אפאר הייסע טרערין זיינען פון זיינע אויגין אויף איר שיינעם קאפ ארופגעפאלען — גאט וועט דאס דיר ניט רעכענען פאר אזינד וואס דוא הייראטהעסט מיט אגאטצענדינער , אין געגענטייל ער וועט דיר פאר דעם אפפער בעלאהנען נור גוטעס. איך בין שטאלץ דאמיט וואס מיין קינד איז יעצט דיא רעטערין פון מיין פאלק , נור איין זאך שטייט מיר וויא אביין אין האלז .

וואס מיינסטו מיט דיא ווערטער פאטער ?

איך מיין מיין פלעמיאניק אליעזרן , איך האב אים פערשפראכין אז דוא וועסט זיינע זיין , און ער האט דיך אזו ליב , ער וועט אזא קלאפ ניט קאנען ערטראגין .

קוים וועט דאס אים פערדריסין האט ער ניט דיא ווערטה דיין פלעמיאניק צו הייסין — האט מאסאלינא גיזאגט — דוא האסט פריייוויליג

זיך בעשלאסין דיין טאכטער פאר אראמער אפ צו געבין אום דיין פאלק צו רעטען , איך פון מיינער זייטע בין אויך פערטיג זיך אויף צו אפפערין פאר אונזער היילינער אמונה , אונ אים זאגסטו וועט דאס הייסין אזא קלאפ וואס עס איז שווער צו ערטראגין .

דוא ביזט גירעכט מיין קינד , אונ איך גלויבע אז אליעזר וועט זיך אויך פרייוויליג פון דיר ענטזאגין אום אונזער רעטונג ווילין .

איך פערשטייא אן דיר פאטער אז דיין איינווילינונג צוא מיין אונ פטרוניוסעס פערבינדונג קאסט דיך געזונד — האט מאסאלינא גיזאגט בעטראכטענד דעם פאטער .

וויא פערשטייסטו מיין טאכטער , קאן איך גלייך גילטיג אזא זאך טאן — האט אבינדב גיענטפערט אונ דיא טרערין זיינען אים איבער דיא וואנגען גערונען — איך האב בעשטענדיג געהאפט דיך צוא זעהען אלס פרויא פון אליעזרן , אונ האב מיך גליקליך גישעצט אלס איך האב זיך פארגישטעלט וויא איך וועל אמאל דיינע ליבע קינדער אין מיין שויס האלטין , יעצט מוז איך דיך אפ געבין צו אראמער , אונ דיינע קינדער מיינע אייניקליך וועלין אויך גאטצענדינער זיין , קאן איך ביי אזא שרעקליכין געדאנק פרייהליך אדער גלייך גילטיג זיין ?

אונ איך זאג דיר פאטער אז דוא זאלסט גאר קיין קריינקונג האבין , דוא וועסט זעהען וויא דיינע אייניקליך וועלין זיין אזעלכע יודין וויא דוא ביזט .

אבינדב האט זיין טאכטער פערוואונדערט אן גיקוקט .

דוא וואונדערסט זיך פאטער — האט מאסאלינא שמייכלענד גיזאגט — דוא פערשטייסט גאר מיינע ווערטער ניט ? נור איך זאג דיר נאך אמאל אז ניט נור מיינע קינדער וועלין זיין יודין מיין מאן וועט אויך איוד זיין .

דוא קלערסט מיט פטרוניוסן ניט הייראטען ? — האט אבינדב ערשראקין גיפרעגט .

גיין גראדע פטרוניוס וועט זיין מיין מאן , נאר ער וועט אן נעמען דאס יודענטהום , ער וועט זיין איוד וויא אלע אונזערע יודין .

וואס רעדסטו טאכטער איך פערשטייא דיך גאר ניט .

דוא וועסט שוין זעהען שפעטער אז איך האב דיר יעצט קיין ליגין גיזאגט , אונ דאס איז זייער איינפאך , קוים האט זיך פטרוניוס בעשלאסין צו ליב מיר דעם קייזער אונגעהארזאם צו זיין , איז דאך אבעווייז אז ער

ליבּט מיך מער וויא אַלעס אין דער וועלט , אוּנ קוים ליבּט ער מיך אַזוֹ גלויב איך אַז איך וועל אין שטאַנד זיין אים פּאַר אַיוּדין צוּא מאַכין .

אַ מיין טייער קינד ! — האַט אבינדב גיזאָגט אוּמאַרמענד זיין טאָכטער — ווען דוּא וועסט דאָס קאָנען בעווייזין וועט אַזאַ גליקליכער פאָטער וויא איך בּין אונטער דעם הימל ניט זיין , נאָר מיר גלויבּט זיך דאָס ניט אַז אַזאַ פערזאָן וויא פּטרוניוס איז זאָל אַיוּד ווערין .

דוּא מאַגסט יאַ גלויבּין אוּנ ניט גלויבּין דוּא וועסט זיך שוין איבּער צייגין אַז איך וועל דעם ציעל ערדייכען , דען איך וועל אויך קיין מאָל גליקליך זיין ווען מיין מאַן וועט זיין אַנאַטצענדינער .

אַבּוואהל מיר גלויבּט זיך דאָס ניט , נאָר דער גאָט וואָס האָט דיך גיגעבּין צוּ חן ביא פּטרוניוסן אין דיא אויגין ער זאָל צוּ ליבּ דיר אוּנז אַלע פוּן אוּנגליק רעטען , דער גאָט קאָן אויך זיין הארץ איבּער קערין אוּנ קאָן אים דיא אויגין עפענען ער זאָל זעהען אַז עס איז פיל גלייכער צוּ דינען צוּ אים צוּ דעם אַלער העכסטין שעפער , אַלס צוּא שטיינערנע גאָטצין , אָדער צוּ מענטשין בּלוּט אוּנ פליש וויא ער איז .

ער האָט זיין טאָכטער נאָך אַמאָל אַקוּש גיטאָן אין דעם ווייסין שטערין אוּנ איז זייפצענד אַרוּיס גיגאַנגען פוּן דעם צימער .

נוּא געלויבּט איז גאָט איך האָבּ מיין ציל ערדייכט — האָט מאסאלינע העכסט ערפרייט צוּ זיך אַליין גיזאָגט — איך מוּז מיין וואָרט וואָס איך האָבּ מיינעם פאָטער גיגעבּין האַלטין , איך מוּז אַלע קרעפטע אָן ווענדין מיין פּטרוניוסן אוּנטער דיא פלינגיל פוּן אוּנזער היילינער אֶמוּנָה בּריינגען , ער מוּז אַיוּד ווערין , מיין מאַן מוּז אַיוּד זיין , עס מאַג זיין וואָס עס ווילמוּז איך דאָס בעווייזין .

דיא קומענדינע נאַכט האָט שוין מאסאלינא ערוואַרטעט איר פּטרוניוסן נאָר מיט אַנדערע געדאַנקען , זיא האָט אים שוין ערוואַרטעט אַלס איר אַנגערקענטין חתן , פערזונקען אין זיסע פאַנטאַזיען איז זיא גיזעסין נעבּין בּרונען אוּנ האָט גיזוּנגען דאָס ליד :

מיינע פאַנטאַזיען , מיין קלערין , דיינקען ,
איז מיין ליבּער , נוּר ער אַליין ,
וועט ער מיר זיין הערץ נוּר שיינקען .
בּין איך שוין גליקליך נאָך מיין מיין .
פערזיסען קאָן ער מיינע שטוּנדען ,

בעגליקען מיין דא זיין איבעראל ,
דען אן אים בין איך פערבונדען .
ער איז מיין גאט , מיין אידעאל .

ער איז . . . .

זיא האט זיך פלוצים ערשראקין אומגעקוקט דען זיא האט געבין זיך ערהערט טריט , אונ איר געזיכט האט אן גינומען אפינסטערע מינע אלס זיא האט פאר זיך דער זעהען איר גישוועסטער קינד אליעזרן .

וויא קומסטו אהער אליעזר ? — האט זיא אים גיפרעגט .

דיא זעלבע פראגע האב איך דיך גיוואלט פרעגין — האט ער שמייכלענד גיענטפערט .

דוא באדארפסט מיר אזעלכע פראגען נית מאכין , דען איך באדארף דיר קיין רעכענונג אפ געבין וואו הין איך גייא .

פאר וואס זשע פאדערסט דוא פון מיר רעכענונגען וויא אזוי איך קום אהער ?

ווייל איך האב דיך ניט גיהערט אהער קומען , דוא ביזט פלוצים וויא פון דער ערד דא פאר מיר אוים גיוואקסין .

אליעזר האט ניט גיוואוסט וואס צו ענטפערין .

איך פערשטייא — האט מאסאלינא גיזאגט — דוא מוזט געוויס לויערין אויף אלע מיינע שריטע , דיר געלוסט זיך וויסען ווארום גייא איך אין דעם איינזאממען ארט , נאר דוא פערשפארסט מיר נאך צו קוקען , איך אליין וועל דיר דיא ראטהזעל ערקלערין , איך ערווארטע דא מיין חתן פטרוניוסן .

דיין חתן פטרוניוסן ? — האט אליעזר אויסער זיך פאר ערשטוינען געפרעגט .

דוא ווייסט נאך ניט אז פטרוניום איז מיין חתן ? — האט זיא לאכענד געפרעגט .

איך גלויב אז דוא שפאסט פון מיר מאסאלינא .

ניין ברודער איך שפאס מיט דיר ניט , גייא פרעג מיינעם פאטער וועט ער דאס דיר אליין ערציילען , הייטע איז געשלאסין גיווארין אונזער שידוך , דען פטרוניום האט אנדערס ניט גיוואלט אונזערע יודין פון אונגליק רעטען וואו איך וועל מיך ניט בעשליסען זיינע פרויא צוא זיין , נוא געוואהנליך האב איך וויא אויך מיין פאטער אים גימוזט דעם פונקט

נאך געבין , מיין פאטער האט דאס אים שוין פערשפראכין , אונ איך ערווארטע אים דא אום אים מיין איינווילינונג אויך צו געבין .

מאסאלינא אום גאטעס ווילין זאג דוא רעדסט דאס ערנסט ? — האט אליעזר העכסט ערשראקין גיפרעגט , דוא לאכסט ניט ?

קאן מען בייא אזא טרויעריגין פאל לאכין ? — האט זיא ערנסט גיענטפערט — דוא בעוואונדערסט פילייכט וואס איך האב מיך ענטשלאסין צוא הייראטען מיט ארעמער , נאר אויב אין דיין ברוסט ברענט אפונק פאטריאטיזם איין פונק יודעשקייט בעדארפסטו מיר דאנקען וואס איך אפפערע מיך פאר אונזער תורה אונ פאר דעם כלל ישראל , נאר שא ! איך הער טריט , דאס קומט פטרוניוס , גייא מיין ברודער אוועק פון דאנען , דען פטרוניוסן וועט פערדריסין ווען ער וועט דא דיך טרעפין אין דער צייט וואס ער באדארף מיט מיר ריידין אונטער פיר אויגען .

מאסאלינא — האט אליעזר גיענטפערט — מיין ניט אז דוא נארסט מיך , איך פערשטייא אלין , איך פערשטייא אז דוא הייראטהעסט מיט פטרוניוסן ניט גראדע דער פאר וואס ער רעטעט דיא יודין , דוא האסט אים שוין לאנג ליב , דוא האסט אים שוין לאנג דיין הארץ אוועק געשיינקט , איך האב מיך אין דעם שוין גוט איבער צייגט , נור צוא מיין אונגליק האט זיך גראדע גימאכט אצופאל וואס האט דיר גיהאלפין גיכער קומען צוא דיין ציל , אונ דארום מוז איך יעצט אפ טרעטין . . . ווען ניט דער צופאל מאסאלינא , וואס אין אים הייגט אפ אונזר רעטונג , שווער איך דיר אז מיין שווערד וואלט דיך מיט פטרוניוסן גיטראפין , נוא אדיע איך פאר צוריק אהיים , קיין גליק צו דיין פערבינדונג קאן איך דיר ניט ווינטשין , דען דיא פערפלוכטע פערבינדונג האט מיך געשיידט פון דיר אונ האט מיך אויף מיין גאנצין לעבין אונגליקליך גימאכט .

דיא לעצטע ווערטער זיינען גיזאגט גיווארין מיט אוויינענדער שטימע , מאסאלינא האט גיוואלט ענטפערין אבער אליעזר איז שנעל פערשוואונדין גיווארין .

ארעמער יונגע ! — האט מאסאלינא זיפצענד גיזאגט — ער האט מיך ווירקליך פון טיפען הערצין געליבט , נאר וואס בין איך שולדיג אז מיין הערץ איז שוין פערנומען איך קאן שוין קיין אנדערין ליבין אויסער אים אליין . . .

יא

דיא ראבע.

כמעט דיא גאנצע וועלט האט געקרעכצט און געזיפצט אונטער דעם שווערין יאך וואס דער פאלשער גאט קאיוס האט אויף איר ארויף געלייגט, זיינע רציחות און זיינע אונמענטשליכע טהאטען זיינען אלע גרענעצין אריבער, בעזאנדערס האבין פון אים געליטין דיא איינוואהנער פון ראם, קיינער איז מיט זיין לעבין ניט זיכער געוועזן, ער האט אלע רייכע מענטשין בדלות גישטעלט דאמיט וואס ער האט אליין אן געהייבין צו פערקויפין טשאטשקעס און נארעשקייטין, און האט געצוואונגען די רייכע לייט זייא זאלין זיינע סחורות בייא אים קויפין פאר גרויסע סומען געלד, מאנכע מיליאנערין האבין אים אהאלב קאפיטאל פאר אטשאטשקע אבגעצאהלט מיט דער האפענונג אז דיא צווייטע העלפט פון זייער קאפיטאל וועט זייא בלייבין, אבער קאיוס האט דיא צווייטע העלפט אויך אפ גענומען, און האט זייא אזו צוא געדריקט אז זייא זיינען גיוועזן צופרידין ווען זייא זיינען האטש נור מיט זייער לעבין ארויס.

דער קעניג אגריפוס וועלכער האט גיוואוסט וויא ווייט דער נארד איז אויף דעם פאלשין גאט אין כעס, האט בענוצט דיא צייט ראבע צו נעמען פון אים דער פאר וואס ער וויל זיין פאלק די יודין אין אבגרונד שטירצען, און אים (אגריפוסן) וואר ער אזו אונדאנקבאר, און ער האט אן גיהויבין ענערגיש צוא ארבייטין דער וועלט צו בעפרייען פון זיין אייזערנעם יאך.

קאיוס האט גיהאט איין אנקעל קלודיוס וועלכער וואר זייער בעליבט בייא דיא רעמער פאר זיין ערדענטליכקייט און גוטין קאראקטער, אייגענטליך האט אים גאר געקומט דיא מלוכה נאך טובירויסן, נאר קאיוסעס גוטע ברידער האבין אים אזו פערפאלגט דאס דער קלודיוס האט זיך גימוזט בעהאלטין אום מיט זיין לעבין זיכער צו זיין.

אגריפוס האט יעצט אלע קרעפטע אן געווענדעט אויף צוא זוכין קלודיוסן, און אים האט געלונגען זיין ארט צוא ערפאהרען, ער איז צוא אים גיקומען און האט אים ערציילט וויא דאס גאנצע פאלק איז שטארק אין כעס אויף קאיוסן, און אלע ווינטשין אים צו זעהן אויף דעם קייזערליכין טראהן, אגריפוס האט אים געראטהען ער זאל יעצט ניט שווייגין און זאל שמידין דעם אייזין כל זמן ער איז הייס.

קלודיוס האט פערשטאנען אז אגריפוס מיינט ערנסט אלעס וואס ער זאגט, אונ ער האט ווירקליך אן גיהויבן צו ארבייטן ער זאל אין ראם קייזער ווערין, ער האט צו זיך גירופין אלע זיינע גוטע פריינד, אגריפוס וואר אויך דא, אונ האט זיך מיט זייא מיישב גיוועזן וואס ער זאל יעצט טאן.

די אלע גוטע פריינד קלודיוסעס וואהרען גענערעלע אונ פאלקאווניקעס טאקע פון קאיוסעס סאלדאטין, דארום איז בייא זייא געבליבין אז זייא זאלין אין איין עפענטליכע שטרייט געגין דעם פאלשין גאט ארוס גיין, דער קעניג אגריפוס האט זייא אבר צו פערשטיין גיגעבין אז דאס איז קיין פלאן, דען דורך איין עפענטליכע שטרייט וועט זייער פיל בלוט פער־גאסען ווערין.

קאיוס איז איין עפידעמיע אין דער וועלט — האט ער צו זייא גיזאגט, אונ דיא עפידעמיע (מגפה) מוז פערטיליגט ווערין דורך אזעלכע מיטיל וואס קיינעם זאל דאס ניט שאדין, אין געגענטהייל אלעמען זאל דאס הנאה טאן.

דיא אלע ראמישע הערען וואס וואהרין דא אויף דער פערזאמלונג האבין גיוואוסט אז דער יודישער קעניג אגריפוס איז קליגער פון זייא, אונ פערשטייט אנישעפט בעסער פון אלע, דארום זיינען זייא אים דאס מאל געהארזאם גיוועזן, אונ בייא אלעמען איז געבליבין אז מיא זאל זעהן דעם פאלשין גאט פון דער וועלט פערטרייבין אן בלוט פערגיסונג, אונ אן לארעם.

נאך אין דעם זעלבין טאג האבין זיך צווייא פון קלודיוסעס פריינדע גרויסע העלדין גילאזט מעלדין בייא דעם פאלשען גאט קאיוס, זייא האבין אים גילאזט אן זאגין אז זייא האבין זייער וויכטיגע זאכין אים איבער צו געבין אבער נור קיינער זאל דאבייא זיין.

קאיוס האט זייא גיהייסן אריין לאזין צו זיך אין קאבינעט.

אלס זייא זיינען אריין גיקומען צו אים אין צימער אונ האבין די טיר נאך זיך פערשלאסין זיינען זייא צו גיגאנגען זיך בוקין צו אים, אבער אן שטאט זיך פאר אים צו קניען, זיינן זייא אויף אים פלוצים ארויף גיפאלין, אונ נאך איידער ער האט זיין מונד געעפינט אגישרייא צו טאן האבין זייא צווייא מעסער אים אין ברוסט אריין גישטאכין, זא דאס ער איז מאמענטאל גיפאלין אונ איז זייא אין דיא אויגין גישטארבין.

קוים האבין זייא זיך איבערצייגט אז ער איז שוין טויט, זיינען זייא

 שטיל

שטיל ארוים גיגאנגען פון זיין צימער , אונ האבין דיא בעדינטע גיזאגט אז קאיוס האט זיך צו גישפארט אונ האט בעפאהלען מ״ז זאל אים ניט שטערין , זייא זיינען בשלום ארוים גיגאנגן פון דעם קייזערליכין פאלאטין , אונ זיינען גילאפין אן זאגין קלודיוסן אונ אלע זיינע גוטע פריינד אז דער פאלשער גאט איז שוין אוועק גיגאנגען צו דעם אמתן גאט אפ געבין דין אונ חשבון אויף זיינע מעשים .

אין פערלויף פון צווייא שטונדין זיינען אלע ראמישע גענערעלע מיט זייערע סאלדאטין גישטאנען געוואפענד , אונ מיא האט געשריגען לעבין זאל דער קייזער קלודיוס !

דיא נאכריכט פון קאיוסעס טויט האט זיך באלד אין גאנץ ראם פערברייטעט אונ עס איז איבעראל גיווארין אזא שמחה וואס צייט ראם איז אשטאט איז נאך אין איר אזא פרייד ניט גיוועזן , אנפאנגס האבין די ראמער גאר ניט גיגלויבט אז זייא זיינן פון דעם טיראן פטור גיווארין , נאר אלס זייא האבין ערפאהרען אז ער איז ווירקליך טויט , זיינען זייא בעפאלען איבער זיינע טעמפלען אונ האבין אים אויף שטיינדלאך פאן איינאנדער גינומען , אלע מאנומענטע וואס ער האט גימאכט האבין זייא צו ווארפין אונ האבין פון זייא קיין צייכין איבער גילאזט , מיא האט איבעראל גיהערט נור פריידען גישרייען : לעבין זאל דער קייזער קלודיוס !

דיא ראמישע סענאטארין זיינען אבער גיוועזן קלודיוסעס געגנער , דען זייא האבין שוין ניט גיוואלט אין רוים זאל זיין אקייזער , נאך די צרות וואס זייא האבין פון קאיוסן גיהאט , אונ דארום האבין זייא אויך פיל מיליטער צוא זאמען געקליבין אונ ווארען גיזאגען מיט קלודיוסן צוא שטרייטין .

דאן האט קלודיוס געשיקט דעם קעניג אגריפוס צו דיא סענאטארין ער זאל זייא איבר ריידין זייא זאלין אים אויך פאר דעם ראמישען קייזער אנערקענען .

אגריפוס האט די סענאטארין פארגישטעלט וויא גליקליך דאס לאנד וועט זיין ווען קלודיוס וועט זיין קייזער , ער האט זייא אויך צו פערשטיין גיגעבין , אז ווען זאגאר קלודיוס זאל ניט ווערין דיא קראנע אן נעמען וועט אים דאס מיליטער צווינגען ער זאל מיט גוואלד דעם קייזערליכין טראהן בעשטייגן , ער האט זייא אויך אין קלודיוסעס נאמען פערזיכערט אז ער פערלאנגט ניט מער וויא דעם נאמען קייזער אונ ווייטער וועט ער זייא איבער לאזין זייא זאלין דאס לאנד פירין וויא זייא ווילין .

דיא סענאטארין האבין אים אבער ניט געוואלט געהארזאם זיין , און זייא האבין געענטפערט אז זייא ווילין שוין קיין קייזער . און ווען קלודיוס וועט זיך איין שפארין מיט געוואלד צוא רעגירין וועלין זייא געגין אים שטרייטין מיט זייערע סאלדאטין , און וועלין אלע קרעפטע אנווענדען אים ניט צו דער לאזין צו דעם קייזערליכין טראהן .

אגריפוס האט די ווערטער איבער געבראכט צו קלודיוסן , דאן האט אים קלודיוס נאך אמאל צו דיא סענאטארין געשיקט מיט דיא ווערטער : אז אבוואהל ער וויל ניט שטרייטין געגין זייא ווייל ער האלט זייא פאר זיינע ברידער , נור אז זייא צווינגען אים מוז ער מיט דעם שווערד געגין זייא ארויס , נאר ער בעט זייא אז זייא זאלין אויס קלייבין איין ארט צו שלאגין זיך אונטער דער שטאט ניט אין שטאט אום דאס מענטשין בלוט זאל ניט פערגאסין ווערין אין דיא גאסין פון ראם .

נוא אויב אזו וועלין מיר זיך שלאגין — האבין דיא סענאטארין געענטפערט .

פלוצים איז איין אפיציר וועלכער איז דא שווייגענד געשטאנען פון ארט אויפגעשפרונגען ער האט זיין שווערד ארויס געצויגין און האט אנגעשרייא גיטאן צוא דיא איבעריגע גענערעלע און אפיצירע וואס זיינען דא געשטאנען : זאגט מיר ברידער ווער צווינגט אונז מיר זאלין אונזער בלוט און דאס בלוט פון אונזערע קאמעראדין וועלכע זיינען ביי קלודיוסן פערגיסען, איז דען דער ארדענטליכער קלודיוס ניט ווערטה ער זאל זיין אונזער קייזער ? קומט ברידער לאמיר אויך גיין צוא קלודיוסן און וועלין אים גראטולירען מיט דער קראנע .

ריידענדיג דיא ווערטער איז ער ארויס גינאנגען מיט דעם שווערד אין האנד פון סענאט , און נאך אים זיינען דיא איבעריגע אפיצירע נאך גינאנגען , און אלע האבין זיך געלאזט גיין צו קלודיוסן .

דאן זיינען אלע סענאטארין ערשראקען געווארין , און זיינען זייא אויך נאך גינאנגען צו קלודיוסן , אין וועג האבין זייא באגעגינט קלודיוסעס סאלדאטען און האבין אום כמעט אלע סענאטארין געוואלט טאדטען , נור אגריפוס איז געשווינד געלאפין צו קלודיוסן און האט אים גיבעטין ער זאל זיינע סאלדאטין פון מארד אב האלטין , דער נאייער קייזער האט אים גיפאלגט און האט באלד געשיקט רייטער אן זאגין זיינע סאלדאטין זייא זאלין דיא סענאטארין ניט בערירען .

קלודיוס האט דיא אלע סענאטארין זייער פריינדליך עמפפאנגען ,

און זייא האבין אים אליין אונטערגעטראגין דיא קייזערליכע קראנע, און ער איז געווארין דער וועלט הערשער.

אלס ער איז קייזער געווארין האט ער בוויזין אגריפוסן אז ער פערשטייט בעסער אלס קאיוס דאנקבאר צוא זיין, דען ער האט אים באלד געמאכט פאר קעניג איבער דעם גאנצין לאנד יהודה, און האט אים נאך לענדער צוא געגעבין, און האט געהייסין מיא זאל דאס מעלדען אלע פעלקער און אוים קריצען אויף אשטיין אין דעם קאפיטאל אז אגריפוס איז געמאכט געווארין פאר קעניג איבער זיינע ברידער דיא יודען, און איבער אלע לענדער וואס זיין גרויס פאטער דער קעניג הורדוס האט אב גינומען פון אנדערע פעלקער.

אגריפוס האט באלד געשיקט שלוחים נאך דעם לאנד יהודה אנזאגין דארט דיא גוטע בשורה אז פון היינט אן וועלין שוין דיא יודען אים זייער ברודער האבין פאר אקעניג, און זייא וועלין שוין ניט זיין אונטערווארפין אונטער דיא ראמישע געגעראלגובערנאטארין, ער האט זייא אויך געמעלדעט אז דער פאלשער גאט קאיוס איז געשטארבין, און זייא קאנען שוין זיכער זיין אז זייער היילינער טעמפעל וועט ניט פאר אומריינינט ווערין.

יב

ישועות אויף יודען.

אלע יודען האבין געשוועבט צווישען האפענונג און שרעק, זייא האבין געוואוסט אז אבוואהל פטרוניוס האלט זיך איין און שטעלט קאיוסעס בילד ניט אריין אין טעמפעל, זיינען זייא נאך פון דעסט וועגין ניט זיכער, דען קאיוס קאן אביין שיקין אנאנדער מענטשין אויף פטרוניוסעס ארט און יענער קאן זייא פארט צווינגען זייא זאלין זיך אונטער געבין דעם פאלשין גאט.

פטרוניוס אליין האט אויך דאס זעלבע מורא געהאט, זיין גאנצע האפענונג וואר נור דאס פילייכט וועט זיין בריף אווירקונג מאכין אויף קאיוסן און ער וועט זיין באפעהל צוריק רופען, דאבייא האט אבער פטרוניוס מורא גיהאט אז קיליר וועט דעם קייזער דארט דולען דעם קאפ ער זאל זיינס אוים פיהרען.

מיא האט שוין איבעראל געוואוסט דיא אורזאכע וואס פטרוניום האלט זיך איין אונ פריפט זיך ניט דעם קייזערס בילד אין טעמפעל אריין שטעלין , מיא האט געוואוסט אז זיין ליבע צו אבינדבס טאכטער איז דיא איינציגע אורזאכע פון דעם , אונ אלע וואָרען אבינדבן וויא אויך זיין טאכטער זייער דאנקבאר דער פאר וואס זייא האבין אזא אפפער געבראכט פאר זייער פאלק אונ זייער אמונה .

פטרוניוס מיט מאסאלינען האבין זיך שוין פערשפארט צוא זעהען ביא נאכט אין אבינדבס גארטין , דען ער פלעגט שוין צוא אבינדבן אין שטוב אריין גיין אלס זיין טאכטערס חתן , אונ פלעגט מיט איר שטונדענלאנג פערברייגען .

פאר איר אליין האט ער זיין הארץ געעפינט , פאר איר אליין האט ער ענטדעקט זיין מורא פיליכט וועט דער קייזער אהער אריין שיקין קילירן אויף זיין ארט , מאסאלינא האט זיך ארום געזעהען אז זיא איז נאך צו איר ציעל ניט געקומען , אונ דאס האט אויף איר אפרישע מעלאנכאליע געווארפין , זיא האט אלע טאג ערווארטעט פטרוניוסן מיט דער גרעסטער אונגעדולד פיליכט האט ער שוין אנ׳אנטווארט פון דעם קייזער אויף זיין בריעף .

מיא קאן זיך לייכט פארשטעלין איר פריידע אלס פטרוניוס איז אמאל צו איר געקומען מיט אשטראהלענד געזיכט פאר פריידע אונ האט איר געבראכט דעם בריף וואס ער האט ערהאלטען פון דעם קייזער אז ער זאל שוין זיין בילד אין טעמפעל ניט אריין שטעלען , זיא האט זיך פאר פריידע וויא אפיציל קינד פונאיינאנדער געוויינט .

נאר איין זאך איז מיר אוואונדער — האט פטרוניוס איר ענדליך געזאגט — דער בריף וואס איך האב ערהאלטין איז וויא מיר שיינט ניט אנ׳אנטווארט אויף מיין בריף , מיינער האט נאך גאר ניט געמוזט אן קומען צום קייזער .

ווארום קלערסטו אזוא ? — האט זיא געפרעגט פערוואונדערט .

וויל דער קייזער שרייבט מיר אז צוליב אגעוויסער אורזאכע איז ער געצוואונגען זיין בעפעהל צוריק נעמען , אונ ווען ער זאל געוועזען ערהאלטין מיין בריף וואלט ער דאך חאטש איינינע ווארטען וועגין איהם דער מאנט , אויך אויף אלע מיינע איבעריגע פראגען וואס איך האב אין מיין בריף געשריבען האט ער ניט איין אנטווארט געגעבין .

אבער וואס מאכט דאס אוים ? — האט מאסאלינא געזאגט — אבי

ער האט זיין באפעהל צוריק גינומען, מיין פאטער באדארף גאר ניט וויסען אז דיא גזירה האט דער קייזער מבטל גיוועזן ניט צוליב דיר, אונ אים וועט גאר ניט אינטערעסירען צוא וויסען דיא ריכטיגע אורזאכע פון דעם, פאר אים וועט זיין גינוג אז ער וועט וויסען אז אונזער טעמפעל שטייט שוין ניט אין געפאהר.

איך ציטער דא אבער פאר אנ'אנדער זאך.

פאר וואס ציטערסטו? זאג.

איך ציטער אז מיין בריף וואס איך האב דעם קייזער געשיקט ער זאל יעצט אונזער הילף ניט קאליע מאכין — האט ער גיענטפערט.

איך פערשטייא דיך ניט, פאר וואס זאל דיין בריף קאליע מאכין?

אן קאיוסעס בריף וואס איך האב יעצט ערהאלטען פאר שטייא איך אז ער וואר געצוואונגען דעם באפעהל צוריק רופין, אונ קוים וועט ער הערין פון מיר אז איך האב נאך ביז אהער זיין בילד אין טעמפעל ניט אריין גישטעלט ווייל איך האב אויף דיא יודען רחמנות, קאן ער מיך חושד זיין ווער ווייסט וואס, אונ דורך דעם קאנען אלע יודען ליידין.

שרעק זיך ניט, אונ רייד ניט אזעלכע ווערטער, וואצו זאלסטו אליין אריין גיסען גיפט אין אונזער גליקסבעכער?

זיא האט אים מיט איהרע קלוגע ווערטער בערוהיגט, אונ ער האט מיט אפראהליך געזיכט געמעלדעט אבינדבן פון דעם קייזערס בריף.

באלד האט מאן פון דעם אין אלע יודישע שטעט גיוואוסט, אונ עס וואר איבעראל שמחה וששון, יעדעם הערץ איז פרייער אונ מונטערער גיווארין, עס איז וויא אנייא לעבין אין דעם גאנצין לאנד גיקומען.

פטרוניוס האט גיפאדערט פון אבינדבן ער זאל שוין פייערין זיין האכצייט, אבער מאסאלינא האט אים גיבעטין ער זאל זיך ניט אייליען, ער האט גאר ניט פערשטאנען דיא אורזאכע, ווארום וויל זיא זייער גליק אב לייגין אויף שפעטער.

ער איז צוא איהר צוגעשטאנען זיא זאל איהם ערקלערין דיא דייטונג דאפאן.

איך וועל דיר זאגין מיין טייערער — האט זיא גיענטפערט — דוא ווייסט דאך וויא ליב איך האב דיך, וויא אן דיר וועל איך שוין ניט קענען לעבין, איך וויל אבער אז מיין גליק זאל אונבעפלעקט בלייבין פאר מיר וויא אויך פאר מיינע עלטערין.

איך פערשטייא נאך אלין ניט וואס דוא פערלאנגסט.

איך פערלאנג דוא אלס מיין קינפטיגער מאן זאלסט פערשטיין אז אזוי וויא קאיוס איז א פאלשער גאט, אזוי זיינען אויך אלע ראמישע געטער נור פאלשע געטער, אז דער וואהרער גאט וועלכער האט באשאפין הימעל אונ ערד וועלכער רעגירט אויף אלעס וואס אונטער דעם הימעל איז דער איז אונזיכטבאר, דער זיצט פערבארגין פון דאס שוואכען מענטשענס אויגין.

דוא פערלאנגסט פון מיר איך זאל מיינע געטער אבלייגענען — האט ער צארניג געפרעגט.

איך פערשטייא ניט ווארום ביסטו אין כעס, פאר וואס בין איך ניט אין כעס דער פאר וואס דוא פערלאנגסט פון מיר איך זאל לייגענען אן מיין גאט, וועלכער איז ווירקליך איין אל אלים דער גאט איבער אלע געטער.

פאר וואס האסטו זיך איינגעבילדעט אז גראדע דיין גאט איז דער וואהרער?

דער פאר וואס ער האט מיט אונז אימער אזעלכע נסים גיטאן וואס קיין מענטש קאן דאס בעגרייפען, ער האט אונז בעפרייעט פון דיא עגיפטער וואו מיר ווארען עוויגע שקלאפען, ער האט פאר אונז געשפאלטין דעם ים, ער האט אונז פערציג יאר געשפייזט מיט מן, ענדליך האט ער אין אונזערע הענד איין אונ דרייסיג קעניגע איבער געגעבין אונ ווען דוא זאלסט מיט אפענע אויגין בעטראכטין וועסטו זעהען אז אונזערע יודען לעבין בעשטענדיג נור מיט גאלע נסים, שטעל זיך פאר פאר דעם קייזער קאיוס ציטערט דיא גאנצע וועלט, אונ אלע פעלקער האבין אים פאר א גאט אנערקענט, אויסער אונזערע יודען א שוואך קליין פאלק זיינען אים אונגעהארזאם געבליבין, אונ זייא האבין זייערס אויס געפירט, איז דאס ניט א נס פון גאט?

דאס איז גאר א נס פון מיר — האט פטרוניוס געלאכט.

ערשטינס זאגסטו דאך אליין אז גאר אנאנדער אורזאכע האט אים בעוועגט ער זאל זיין באפעהל צוריק נעמען, צווייטענס ווען דאס וואקסט פון דיר מוזטו אויך מודה זיין אז גאט, דער גרויסער יודישער היטער האט גימאכט דוא זאלסט מיך ליבען אונ זאלסט צוא ליב מיר מיין פאלק רעטען.

ניין מאסאלינא איך קאן דיר אזא זאך ניט צוליב טאן — האט פטרוניוס גיענטפערט — מיין רעליגיאן וועל איך צוליב דיר ניט בייטען.

אָבֶּער אִיךְ צְוִוינְג דִיךְ דַאצוּ נִיט — הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיךְ וִויל נוּר מִיר זָאלִין גֶעדוּלְד הָאבִּין מִיט אוּנְזֶער חֲתוּנָה •

וָואס זָשֶע וֶועט זַיין דִיא עֶנְדֶע ?

אִיךְ הָאף אַז דוּא וֶועסְט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ אַרוּמְזֶעהֶען אַז אִיךְ הָאבּ רֶעכְט מִיט מַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּנ דוּא וֶועסְט מִיךְ נָאךְ בַּאגְלִיקִין דַאמִיט וָואס דוּא וֶועסְט אַיוּד וֶוערִין •

דָאס וֶועט אָבֶּער קֵיין מָאל זַיין •

אוֹיבּ דוּא וֶועסְט זִיךְ אִין פֶערְלוֹיף פוּן אַהַאלְבֶּעס יָאר נִיט בֶּעשְׁלִיסֶען אוּנְזֶער רֶעלִיגְיָאן אָנְצוּנֶעמֶען, דַאן הֵייַראטֶען מִיר אַזוֹי •

הָאבּ אִיךְ דַיין וָוארְט אוֹיף דֶעם ?

יַא מַיין וָוארְט, זָאגַאר מַיין שְׁבוּעָה •

פטרוניוס הָאט גֶעמוּזְט זִיךְ בֶּעשְׁלִיסֶען נָאךְ אַהַאלְבּ יָאר צוּ וַוארְטֶען •

מאסאלינא הָאט זַייעֶר רִיכְטִיג גִיזָאגְט אַז דֶער יוּד לֶעבְּט נוּר מִיט נִסִים, דָאס קְלֵיינֶע יוּדִישֶׁע פָאלְק; וֶועלְכֶע אִיז שׁוֹין פִיעלֶע מָאל גִיוֶועזֶען בַּייא טִיגֶערִין אִין דִיא צֵיין, אוּנ עֶס וַואר דוּכְט זִיךְ קֵיין הָאפְנוּנְג עֶס זָאל גִירֶעטֶעט וֶוערִין, אִיז פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט גִירֶעטֶעט גֶעוָוארִין אוּנ טַאקִי נוּר דוּרְךְ נִסִים •

אוּנ דַאמָאלְס הָאט זִיךְ צוּא דֶער יְשׁוּעָה וָואס גָאט הָאט גֶעשִׁיקְט דוּרְךְ דֶעם קֶענִיג אגריפוס אוֹיף אַלֶע יוּדֶען נָאךְ אַנֶס גִימַאכְט וָואס אִיז ווִירְקְלִיךְ גִיוֶועזֶען צוּא בַּאוואוּנְדֶערִין, דֶען דִיא שְׁלוּחִים וָואס קאיוס הָאט גִישִׁיקְט וּמִיט זַיין שְׁרֶעקְלִיכֶען בְּרִיף צוּא פטרוניוסן, דִיא הָאבִּין גֶעלִיטֶען שִׁיפְבְּרוּךְ פָאהֶרֶענְדִיג אִיבֶּער דֶעם יַם, אוּנ הָאבִּין זִיךְ שַׁיינֶע עֶטְלִיכֶע וָואכִין גֶעוָואַנְגֶעלְט פוּן אֵיין אִינְזֶעל צוּם צְווייטֶען, אוּנ דִיא שְׁלוּחִים וָואס דֶער קֶענִיג אגריפוס הָאט גֶעשִׁיקְט מִיט דֶער גוּטֶער בְּשׂוֹרָה נָאךְ דֶעם לַאנְד יהודה אַז קאיוס אִיז טוֹיט אוּנ עֶר (אגריפוס): אִיז קֶענִיג גֶעוָוארִין אִיבֶּער יהודה אוּנ נָאךְ אִיבֶּער פִיעלֶע לֶענְדֶער דִיא זַיינֶען בְּשָׁלוֹם דֶעם יַם דוּרְךְ גֶעפָאהְרִן אוּנ זַיינֶען מִיט זִיבֶּען אוּנ צְוַואנְצִיג טֶעג פְרִיעֶר פַאר דִיא שְׁלוּחִים וָואס קאיוס הָאט גֶעשִׁיקְט, גִיקוּמֶען •

דִיא פְרֵיידֶע וָואס אִין דֶעם לַאנְד יהודה וַואר בַּייא דֶער נַאכְרִיכְט אַז דֶער קֶענִיג אגריפוס וֶועט שׁוֹין גִיוֶועלְטִיגִין אִיבֶּער דִיא יוּדֶען, אוּנ אַז דֶער פַאלְשֶׁער גָאט אִיז טוֹיט, דִיא פְרֵיידֶע אִיז אוּנְבֶּעשְׁרַייבְּלִיךְ, עֶס וַואר דַאמָאלְס בַּייא יוּדֶען אַזָא יוֹם טוֹב וָואס פוּן יהודה המכבים צַייטִין אָן אִיז אַזֶעלְכֶער נִיט גִיוֶועזֶען •

פטרוניוס (אמענמש)

פטרוניום האט זיך נאך אלץ געהאלטען בייא זיינס אז ער וויל דאס יודענטהום ניט אן נעמען , נאר אלס קאיוסעס שלוחים האבין אים ענדליך דעם שרעקליכען בריף גיבראכט , האט ער דא גיזעהען אפינגער פון דעם יודישען גאט .

יא מאסאלינא ! — האט ער צוא איהר גיזאגט — איך מוז מודה זיין אז אייער גאט איז ווירקליך דער וואהרער וועלט פיהרער , איך דאנק דיר זייער דער פאר וואס דוא האסט מיר מיינע בלינדע אויגין גיעפינט איך זאל זעהען אז איך האב ביז דער צייט גענלויבט אין דומהייטען , פון יעצט אן בין איך איוד .

פטרוניום ! מיין ליבסטער טייערער פטרוניום ! — האט מאסאלינא אויסער זיך פאר פריידע אנגעשרייא גיטאן פאלענדיג אים אום דעם האלז — דוא קאנסט זיך גאר קיין פארשטעלונג מאכין וויא גליקליך דוא מאכסט מיך מיט מיינעם פאטער .

* * *

פטרוניום איז אוואהרער יוד געווארין , און אבינדב האט זוכה גיוועזן זיין טאכטער צוא פערהייראטען מיט איודען , דיא האכצייט איז געפייערט געווארין אין ירושלים אין דעם היילינען טעמפעל וועלכען פטרוניום האט ניט געוואלט פערשמוטצען , אלע יודען האבין זיך מיט דער חתונה געפרייעט פונקט וויא זייערם אקינד איז מיט אטייערין מאן צו דער חופה גיגאנגען .

דער קעניג אגריפוס האט שפעטער דעם פטרוניוסן וועלכער האט זיך אנאמען גיגעבין אברהם פאר זיין אדיוטאנט צוא גינומען , און אלע יודען האבין אים געליבט און געשעצט , זייא האבין קיין מאל פאר געסין אז ער איז זייא אפריינד גיוועזן אין דער נויט .